פערטער יאָרגאַנג פּרייז 50 גר. (20 ז.) פרייטיק 18 נאָוועמבער 1927

№ 46

# ליטעראַרישע בלעטער

אילוסטרירטע וואכנשריפט פאר ליטעראטור טעאטער און קונסט

פארלאג ב. קלעצקין, ווארשע

## יידיש קולטור־שאַפן אין ראַטן־רוסלאַנד

### (צו דעם צענטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע)

נחמן מייזיל / וואַרשע

1

מיר זענען מיט ראַטנפאַרבאַנד גאָר־נאָענטע שכנים, אָבער פון דעם דאָרטיקן יידישן קולטור־לעבן זענען מיר געוואַלטיק דערווייטערט און אָפּגעשניטן. איבער נאַכט איז מען אין מינסק, קיעוו איז נישט שטאַרק־ווייטער פון וואַרשע ווי לעמבערג, אָבער דאָך וועלן מיר אינגיכן האָבן אַזאַ מין פאַרשטעלונג וועגן דעם דאָרטיקן יידישן קולטור־לעבן, ווי אַמאָל וועגן די עשרת־השבטים ערגעץ אין די הרי־חושך, וואָס איבערן ברויזנדיקן טייך סמבטיון. די נ י י ע „רויטע יידעלעך" וועלן שוין גאָר גיך ווערן פאַר אונז אַזוי אויסטערליש און לעגענדאַריש, ווי די אַמאָליקע. און נאָך ווייניקער ווייסט מען ד אָ ר ט וועגן אונז. נאָך משונהדיקער זעען מ י ר אויס דאָרט. אין ז יי ע ר ע אויגן.

און ס'איז קיין חידוש נישט.

פאַר די לעצטע יאָרן איז פון פאַרשיידענע זייטן פיל געטון געוואָרן, אַז די דערווייטערונג, די צעשפּליטערונג זאָל וואָס־ווייטער אַלץ־מער וואַקסן און וואַקסן.

פריער פון אַלץ די כינעזישע וואַנט פון צענזור ד אָ און ד אָ ר ט. און ס'איז אינטערעסאַנט: סיי ד אָ און סיי ד אָ ר ט האָט יידיש אַ באַזונדערן „זכות", און צו אַ יידיש וואָרט איז פאַראַן אַ כפל־שמונהדיקע „אויפמערקזאַמקייט" און קאָנטראָל. אין ראַטנפאַרבאַנד עקזיסטירן זינט יאָרן פאַרשיידנאַרטיקע פריוואַטע און האַלב־פריוואַטע פאַרלאַגן, און דאָס קינסטלערישע שאַפן איז ממילא פרייער, ברייטער און נישט אָנגעוויזן אַזוי אויף דעם ווילן־קאַפּריז פון דער פאַרטיי־דיקטאַטור. אַ צייט־לאַנג האָט מען גאָר אין בערלין אַנטוויקלט אַ ברייטע רוסישע פאַרלאַגסטעטיקייט פאַר רוסלאַנד. מיט יידיש אָבער האַלט עס פיל ערגער. דאָס יידישע פאַרלאַג־וועזן איז קאָנצענטרירט אין און אַרום דער יידסעקציע, און אַלץ מוז געשאַפן ווערן לויט איר געשטאַלט און גלייכעניש. קיינע אָפּנייגונגען און אָפּווייכונגען זענען דעריבער נישט מעגלעך. דער לאָזונג, אַז אַלץ, וואָס ס'איז געשאַפן געוואָרן אין יידישן פאַר „מתן־אָקטאָבער", איז גאָרנישט שבגאָרנישט, האָט אָנגעהאַלטן און האַלט אָן דאָרט עד־היום זייער פעסט. און דערצו — די איינבילדונג, אַז אויסער ראַטנפאַרבאַנד איז דאָס גאַנצע יידישע שאַפן וויסט און לער

יידישע ביכער און צייטשריפטן פון דער פרעמד קומען אַריין אַהין אין געציילטע עקזעמפּלאַרן, און דאָס אויך לויט אַ ספּעציעלן און שטרענגן אָפּקלייב.

נישט־בעסער (אויב נישט ערגער!) האַלט עס דאָ, ביי אונז, מיט דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור. אויב אין די רוסישע און פּוילישע בוכהאַנדלונגען און ביבליאָטעקן געפינען מיר לרוב צום קויפן און צום לייענען רוסישע אויסגאַבן, רוסישע ווערק, וואָס זענען דערשינען אין מאָסקווע און אין לענינגראַד, איז אַ יידיש־סאָוועטישע אויסגאַבע דאָ טרייף־פּסול. אַפילו דעם וויסנשאַפטלעכן, שטרענג־היסטאָרישן און פילאָלאָגישן מינסקער זאַמלבוך „צייטשריפט" האָט מען דאָ אין וואַרשע געהאַט געפּסלט, און די בוכהאַנדלונג האָט שיער קיין פּראָצעס דערפאַר נישט געהאַט. אשר שוואַרצמאַנס „לידער", משה ליטוואַקאָווס בוך וועגן דעם יידישן קאַמער־טעאַטער און ש. גאָדינערס נאָוועלן „טאָג אַנטקעגן" זענען נישט דערלויבט געוואָרן דורך דער היגער צענזור, און זיי זענען צוריק אומגעקערט געוואָרן קיין מאָסקווע. באָריס פּילניאַקס, לידיאַ סייפולינאַס, פיאָדאָר גלאַדקאָווס, אי. באַבעלס, קאָנסטאַנטין פעדינס און נאָך אַנדערע שרייבערס ווערק, ווען זיי דערשיינען אין מאָסקווע אין ר ו ס י ש ן, מעג מען זיי אַריינפירן קיין פּוילן, פראַנק און פריי פאַרקויפן און אַרויסגעבן אין די ביבליאָטעקן (אויך — יידן־לעזער...) צום לייענען. און די זעלבע ווערק, ווען זיי געשעעט דאָס „אומגליק" און זיי ווערן איבערגעזעצט און אַרויסגעגעבן אין רוסלאַנד אויף יידיש, פאַרלירן זיי זייער רעכט צו געפינען זיך אין וואַרשע. ווו איז דאָ די לאָגיק, איז שווער צו זאָגן. ווער רעדט מכּח דעם, מ'זאָל אַריינלאָזן אַהער אַ יידיש־סאָוועטישן ליטעראַריש־קינסטלערישן זשורנאַל. מיט וואָס איז ער בעסער, למשל, פון אַ ניו־יאָרקער כּשרן (אַפילו למהדרין שבמהדרין) זשורנאַל „צוקונפט". וואָס איז דאָ אויך אַן אומלעגאַלע צייטשריפט.

צוריק מיט עטלעכע יאָר איז געווען נאָך מעגלעך, אַז אַ מאָסקווער זשורנאַל „שטראָם" זאָל וועלן באַקומען אַן אַרטיקל פון אַ יידישן שרייבער (נישט נאָר אַן אָפּהאַנדלונג מכּח אַ יידישער בבא־מעשה פון צוריק מיט עטלעכע הונדערט יאָר) וועגן

אַקטועלע ליטעראַטור-פּראָגן, איצט איז עס שוין אוממעגלעך. אַ יידישער שרייבער פון ראַטנפאַרבאַנד טאָר נישט האָבן קיין מגע ומשא מיט אַן אויסלענדישער פּעריאָדישער אויסגאַבע (סיידן אַ פּאַרטייאישער!), און ווער עס איז עובר אויף אָט דעם פאַרבאָט (מ'שטיינס געזאָגט, ווער וועט זיך עס איינשטעלן!), באַקומט זיין פּסק, און ער מוז נעבעך דערנאָך דרייען מיט דער צונג און קרומען מיט דער פעדער... צו וואָס פאַר אַ נאָענטקייט און פאַרבינדונג אַזאַ מין צושטאַנד פירט, איז גרינג זיך פאָרצושטעלן.

און נאָך:

צוריק מיט אַ 2 יאָר האָבן עטלעכע יידישע אַמעריקאַנער שריפטשטעלער באַזוכט ראַטנפאַרבאַנד. זיי זענען געפאָרן אַהין מיט אויפגאַבן און כוונות איבערצוּוואַרפן אַ בריק צווישן דעם יידישן שאַפן פון אַמעריקע, פוילן אין דעם יידישן שאַפן פון רוסלאַנד. אָבער קומענדיק אַהין, האָבן זיי באַלד איינגעזען, אַז ס'איז אַ נאַיוויטעט צו טראַכטן מכּח אַ פאַררייניקונג און פאַרברודערונג. אייניקע האָבן זיך דאָרט ביים ערשטן צוזאַמענשטויס גלייך אָפּגערוקט פון דער יידישער קולטור-סביבה. אַנדערע האָבן געהאַט אויסצושטיין ביטערע אַטאַקעס און אָנגריפן און זיי זענען אָוועקגעפאָרן פון רוסלאַנד מיט אַ ריס אין האַרצן און מיט דער האָפענונג, אַז ס'מוז און ס'וועט קומען די אויסגלייכטערונג, די אויס-לייטערונג צווישן די יידישע שרייבער.

די לעצטע צייט האָבן ווידער עטלעכע יידישע שריפט-שטעלער זוכה געווען אַריינצופאָרן קיין רוסלאַנד, אָבער די סענ-סאַציע פון מאָמענט איז געוואָרן די יידישע ערד-אַרבעט אין גלייך פון דער גרענעץ האָבן זיי זיך געלאָזט אין די קאָלאָניעס „אויס-צופאָרשן“ די יידישע קאָלאָניזאַטאָרישע מעגלעכקייטן און „פעסט-צושטעלן“ די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּערספּעקטיוון. מיטאַמאָל זענען זיי געוואָרן ספּעציאַליסטן-לאַנדווירטשאַפטלער. און קאָן זיי דען עפּעס-וואָס אַנדערש אינטערעסירן אויסער די קאָלאָניעס? אַ סברא, אַז ס'איז דאָ אַ יידישער שול-וועזן, אַ 500 יידישע שולן מיט העכער 100 טויזנט קינדער, דריי גלענצנדיקע טעאַטערן, דריי יידישע צייטונגען, זשורנאַלן, הונדערטער אַרבעטער-קלובן, אַ צענדליק יידישע באַגאַבטע דיכטער א. א. וו.— אָבער וואָס גייטעס זיי אָן? האָבן מיר טאַקע געהאַט דערנאָך זייער פיל אויספירלעכע באַ-שרייבונגען, מעשות, עפּיזאָדן און קוריאָזן מכּח די יידישע קאָלאָ-ניעס, מכּח פּלערליי זייטיקע זאַכן, און קיין איין רעכטן באַריכט נישט באַקומען וועגן דעם יידישן שול-וועזן, וועגן דעם נייעם קולטור-לעבן און מכּח די פאַרשיידענע שאַפונגס-מעגלעכקייטן אין יידישן ראַטנפאַרבאַנד.

וועגן דעם, אַז אַ דאָרטיקער יידישער דיכטער זאָל אַמאָל אַראָפּקומען אַהער און זאָל, ווי די יידישע אַמעריקאַנער קאָלעגן, למשל, האָבן די מעגלעכקייט אויסצודערציילן, וואָס ס'טוט זיך דאָרט און זאָל באַלויכטן די שאַפונגס-וועגן פון דער יידישער ליטעראַטור אין היינטיקן רוסלאַנד, — דערפון איז דאָך אָפּגע-רעדט! נישט דאָרט, נישט דאָ וועט מען סובל זיין אַזאַ חברן און ברודערן זיך.

און ס'איז קלאָר, אַז ביי אַזעלכע מיני „באַציונגען“, ביי אַזאַ מין „צוזאַמענאַרבעט“ ווערט דער תהום צווישן דעם יידישן קולטור-שאַפן אין פאַרשיידענע לענדער און ראַטנפאַרבאַנד אַלץ גרעסער, און דער „בלבול הלשונות“ — אַלץ שטאַרקער.

II

און ווי האַלטן מיר איצט מיט דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטן-רוסלאַנד? וואָס איז דאָרט אויפגעטון געוואָרן פאַר דעם יידישן שאַפן אין די צען יאָר נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע? זענען טאַקע באמת די שאַפונגס-דערגרייכונגען פון די סאָוועטישע יידישע דיכטער אַזעלכע באַדייטנדיקע, אַז עס איז באַרעכטיקט זייער ביטול-באַציונג צו די יידישע שרייבער און צו דעם יידישן שאַפן פון גאָר דער וועלט, אויסער רוסלאַנד?

דאָס זענען די פראַגן, וואָס מען שטעלט זיך, ווען מ'וויל אונטערפירן אַ סך-הכּל פון דעם אַלעם, וואָס ס'איז אויפגעטון געוואָרן אין ראַטן-רוסלאַנד אויפן געביט פון יידישן קולטור-שאַפן און יידישער ליטעראַטור ביי די נייע באַדינגונגען פון דער ראַטן-מאַכט.

די צאָל פון יידישע קולטור-אַנשטאַלטן איז די לעצטע יאָרן שטאַרק געוואַקסן. מיר זענען, ליידער, נישט באַקאַנט מיט זייער אינעווייניקסטן אויסזען, מיט זייער כאַראַקטער. אָבער בלויז די ציפערן זענען קאָלאָסאַל.

אָט האָבן מיר אייניקע ציפערן פון אוקראַינע. אין 1924—1925-טן לערניאָר האָבן אין אוקראַינע פונקציאָנירט 342 יידישע שולן מיט 56.394 קינדער, אָדער 41 פּראָצ. פון אַלע יידישע שול-קינדער. אינם שפּעטערדיקן יאָר האָט זיך די צאָל יידישע שולן פאַרגרעסערט ביז 457 מיט 74.500 קינדער אָדער 46 פּראָצ. פון אַלע יידישע שילער. אינם פאַרגאַנגענעם 1926—1927 יאָר האָט די צאָל יידישע שולן זיך פאַרגרעסערט ביז 502 שולן מיט 80.000 שילער, 49 פּראָצ. פון אַלע יידישע שילער. און חוץ דער געוואַלטיקער צאָל יידישע שולן, זענען אין אוקראַינע דאָ 809 יידישע אַנשטאַלטן פאַר פּאָליטישער אויפקלערונגס-אַרבעט (פּאָליטאויפקלער אַרבעט),— פון זיי 191 לייענשטיבלעך און 289 ביבליאָטעקן און יידישע אָפּטיילונגען ביי אַלגעמיינע ביבליאָטעקן א. א. וו. דערצו קומען-צו יידישע געריכטן, יידישע ראַטן, וואָס פירן זייער אַרבעט אויף יידיש. דאָס זענען אַלץ גרויסע און וויכטיקע יידישע קולטור-דערגרייכונגען.

אָבער אונז אינטערעסירט איצטער די יידישע ליטעראַ-טור, — די ליטעראַטור, וואָס ווערט נישט אַרויסגערופן דורך באַשטימונגען, בודזשעטן און הוצאות, נאָר וואָס ווערט געשאַפן דורך שעפערישע פּערזענלעכקייטן.

ווי האַלט עס מיט אָט דעם יידישן שאַפן אין ראַטנ-פאַרבאַנד?

## טאַבעלע

דאָס יידישע בוך אין ראַטנפאַרבאַנד לויט די געביטן, צאָל אויסגאַבן און דרוק-בויגן פאַר די יאָרן 1923, 1924, 1925, 1926.

| געביטן | 1923 נעמען | 1923 בויגן | 1924 נעמען | 1924 בויגן | 1925 נעמען | 1925 בויגן | 1926 נעמען | 1926 בויגן |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| לערנביכער און מעטאָדן | 11 | 92 | 18 | 192 | 36 | 254 | 42 | 402 |
| פּאָליטישע און געזעלש. | 9 | 46 | 23 | 98 | 58 | 327 | 45 | 316 |
| פּאָפּול.-וויסנשאַפטלעכע | — | — | 3 | 8 | 6 | 24 | 23 | 107 |
| בעלעטריסטיק און פּאָעזיע | 9 | 31 | 19 | 62 | 33 | 149 | 24 | 114 |
| ליטעראַטור און קונסט-קריטיק | — | — | 3 | 22 | — | — | 3 | 24 |
| קינדער-און יוגנט-ליטעראַטור | 6 | 9 | 6 | 14 | 13 | 48 | 18 | 34 |
| זאַמלביכער און פּעריאָדיק | 11 | 82 | 11 | 126 | 49 | 206 | 55 | 268 |
| לאַנדווירטש., קאָאָפּעראַציע | — | — | — | — | 10 | 8 | 11 | 17 |
| פאַרשיידענע | 2 | 6 | — | — | 3 | 12 | 6 | 11 |
| סך-הכּל | 48 | 266 | 83 | 522 | 208 | 1028 | 227 | 1293 |

איז אָט: קוקן מיר אַדורך די רשימות פון די אַרויסגעגעבענע יידישע ביכער אין ראַטן־רוסלאַנד פאַר די לעצטע יאָרן, זעען מיר, אַז דערעיקר זענען דאָרט ערשינען פּאָליטישע, פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע און פּעדאַגאָגישע ווערק, — און דאָס אויך — על־פּי־רוב איבערזעצונגען אָדער קאָמפּילאַציעס. די ווערק אויף אָט די געביטן וואַקסן און מערן זיך צוזאַמען מיט דעם אַלגעמיינעם וווּקס פון דער יידישער בוך־פּראָדוקציע די לעצטע יאָרן אין ראַטן־רוסלאַנד.

וואָס לערנען אונז די ציפערן אין דער טאַבעלע?

די צאָל אַרויסגעגעבענע יידישע ביכער אין ראַטן־רוסלאַנד פאַר די לעצטע 4 יאָר האַלט אין איין וואַקסן.

דעם אויבן־אָן פאַרנעמען פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע, פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע, לאַנדווירטשאַפטלעכע, לערנביכער און מעטאָדיק, — צוזאַמען העכער 50 פּראָצ.; אין אַנדערע לענדער (פּוילן, אַמעריקע) זענען אַרויסגעגעבן יידישע ביכער אויף אָט דיזעלבע געביטן קוים 20 פּראָצ. און מען דאַרף גערעדנקען, אַז אָט די אויסגאַבן ווערן דאָרט געדרוקט אין 3000, 5000 און אין 10.000 עקז. נישטיק אָבער איז די צאָל ביכער פון בעלעטריסטיק און פּאָעזיע: אין 1923—1924 זענען אַרויס ביי 20 פּראָצ., אין 1925 — נאָר 15 פּראָצ. און אין 1926 בלויז 10 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער צאָל אַרויסגעגעבענע ביכער. (אין אַנדערע לענדער דערשיינען ייד. בעלעטריסטישע ווערק ביי 40—50 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער צאָל ביכער). אָט די צאָלן זאָגן זייער און זייער פיל. אין ראַטן־פאַרבאַנד האָבן מיר, הייסט עס, דערווייל אַ פּאַרטיי־ליטעראַטור, אַ פאַך־ליטעראַטור, אַ שול־ליטעראַטור, בקיצור — אַ ליטעראַטור, וואָס האָט מער קאָנקרעטע אויפגאַבן, אַ ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן לויט פאָדערונג און באַשטעלונג, אַ ליטעראַטור, וועלכע דאַרף אויספילן באַשטימטע פּראָפּאַגאַנדע־פונקציעס. בכלל זענען פאַר די לעצטע יאָרן דאָרט געשאַפן געוואָרן וויכטיקע אָריגינעלע יידישע ווערק — בלויז איינצלנע, און דאָס אויך — אויף דעם געביט פון דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג (למשל, דער יידישער אַרבעטער, כרעסטאָמאַטיע, דריי בענד — צונויפגעשטעלט דורך מ. ראַפעס און א. קירזשניץ. פאַרשטייט זיך, ווייט־ווייט נישט קיין אָביעקטיווע,) קריטיק (מיט אַ ספּעציעלער מאַרקסיסטיש־סאָוויעטישער טענדענץ!) און טעאַטער־געשיכטע.

נאָך דעם גאַנצן דאָרטיקן געטומל איז סוף־כל־סוף שווער אָנצורופן עטלעכע גרויסע, יידישע שריפטשטעלער אָדער איינציקע באַדייטנדיקע קינסטלערישע ווערק, וועלכע זאָלן סימבאָליזירן אָדער כאַראַקטעריזירן דאָס נייע, אייגנאַרטיקע, וואָס ווערט געשאַפן אין דער נייער סאָוויעטישער סביבה. עס האָבן זיך, אמת, באַוויזן גאַנץ ווילע, יונגע, דרייסטע דיכטער, אָבער זיי ווערן מער מיטגעטראָגן מיטן לעבן, מיט די טאָגטענדענצן, איידער זיי שאַפן אייגענע, וואָגיקע ווערק. און זאָל מען נישט זאָגן, אַז דאָס איז אַ מיינונג פון דער זייט און ווייט פון דער פרעמד. דאָסזעלבע באַשטעטיקן אויך די קריטיקער אין ראַטנפאַרבאַנד גופא, ווען זיי שמועסן צווישן זיך, ווען זיי שרייבן פאַר אַן אייגענעם עולם און זיי שעמען זיך נישט אויסצוזאָגן דעם ריינעם אמת. עס דערגייען זייער אָפט פון דאָרט פאַרצווייפלטע שטימען און מיינונגען וועגן דער שיינער יידישער ליטעראַטור. אין די „ליטעראַרישע בלעטער" זענען געבראַכט געוואָרן איניקע שטעלן פון דעם אַרטיקל פון י. באָרנשטיין, דער יונגער יידישער קריטיקער אין ראַטנפאַרבאַנד. ער קלאָגט זיך דערויף, וואָס „די יידיש־סאָוויעטישע ליטעראַטור פאַרמאָגט נישט קיין איינאונאיינציקן ברייטן לייוונט פון דער פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערער העראָיק". אין דער צייט, וואָס „די יונגע סאָוויעטישע (רוסישע) ליטעראַטור האָט פאַר די לעצטע יאָרן שוין באַוויזן צו געבן אַ ריי ברייטערע לייוונטן. וואָס ביי אַלע זייערע חסרונות פאַרקערפּערן זיי קינסטלעריש פאַרשידענע ווינקלען פון דער העראָישער וואָר".

די יידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור ציילט איצט אַ סך נעמען, יונגע און עלטערע. זייער צאָל דערגרייכט עטלעכע צענדליק, אָבער ביי היינטיקן טאָג, חוץ איניקע קליינע אויסנאַמען, איז עס ווי אַ קאָלעקטיוו שאַפן. עס איז ווי אַ מאַסן־כאָר, און אין אָט דער כאָר־דעקלאַמאַציע און כאָר־געזאַנגען רוקן זיך דערווייל ווייניק אַרויס וויכטיקע, אינדיווידועל־אַנטוויקלטע סאָליסטן, וועלכע זאָלן זיך גאָר־באַזונדערס אויסטיילן מיט זייערע קינסטלערישע באַגאַבונגען און אייגנשאַפטן. זיי ווערן נאָך אַלע צופיל געפירט פונם דיריגענט־שטעקעלע. זיי באַמיען זיך נאָך אַלע צופיל אויסצופירן זייערע געזאַנגען לויט פאַרטיקע נאָטן. און נאָך מער: אָפטמאָל האָבן מיר דאָס געפיל, ווי יעדער איינער פון די דאָרטיקע דיכטער און קינסטלער וואָלט געהאַלטן אין איין יאָגן און איבעריאָגן דעם צווייטן אין דער שטאַרקער פּראַזע. אין דעם הילכיקן אויסגעשריי און אין דעם צופּאַסן זיך צו די פּאַרטיי־לאָזונגען.

אין אָט דער קאָלעקטיווקייט, געהאָרכזאַמקייט און דיסציפּלינירטקייט פונם יידישן סאָוועטישן דיכטער ליגן באַהאַלטן די גרויסע מעלות און אויך חסרונות פון דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָ איז איר גבורה און שוואַכקייט.

(סוף קומט)

מעדעם-ביבליאָטעק, לאָמזשע

מיר פאָדערן אייך אויף צו נעמען אין באַטראַכט אונזער תּביעה אין לויף פון די נעכסטע 3 טעג.

פאַרלאַג „ביכער"

די פּאָגראָמען אין אוקראַינע שילדערט
ב. עפּעלבוים אין

אויפברויז

פון דער רעוואָלוציע־צייט אין רוסלאַנד (1917—1919)
432 זייטן 9 גילדן

בוכהענדלער, ביבליאָטעקן ראַבאַט.

A. Szklar, Warszawa, Leszno 76
P. K. O. 15.888 :פאַר געלט

פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע
עוזר וואַרשאַווסקי

שמוגלאַרס

ראָמאַן אין דריי טיילן. פּרייז 6 גילדן.

שניט-צייט

ראָמאַן פון דער מלחמה-צייט. פּרייז 8 גילדן.
אַדרעס: „Bicher" Warszawa, Nalewki 2a

# „אַרום בליענדיקן בוים"...

א. מ. פוקס / ווין

מען האָט שוין געהערט... דאָס הייסט. מען קאָן שוין די פאַטעטישע „אויפרופן" אויפן אייביקן יאַריד פון דער גייסטלאָזער „טעאַטער-פּראַגע". לעזנדיק אָבער י. י. זינגערס „אויפרוף", ווילט זיך אַ קרעכץ אָן: אויך דו, ברוטוס...

און אויב י. י. זינגער מיינט, אַז דאָס ביזאַיצטיקע קהל-עכץ אַרום דער יידישער ליטעראַטור האָט נאָך צו-ווייניק „זאַלושעס" איר יונגע יידישע, שוואַכע שטים, אַז מען מוז אַזש אָרגאַניזירן אַ גאַנצן קאָנגרעס. אַ גענעראַל-קהלעכץ. אַזוי צו זאָגן. מיט גענעראַל-דעבאַטעס. איז דאָס זיינער אַן ענין. כאָטשע עס ליגט אין דעם מער, ווי אַ געשמאַק-זאַך. וואָרום אויב דעם „יונגן. בליענדיקן בוים" פון דער יידישער ליטעראַטור דראָט יאָ אַ סכנה, אַזוי שטעקט זי, די דאָזיקע סכנה, מיין איך, דווקא אין דעם, וואָס די פּאַראַזיטישע קהלעכץ-פלאַנצן פלאָנטערן און שנורן אַרום אַזוי געדיכט דעם „בוים", ביז צום דערשטיקן, די סכנה איז, אַז דער „בוים" אַליין זאָל נישט נעמען דאַרן, בעת די קהלעכץ-פלאַנצן וועלן בליען און געדייען.

י. י. זינגער איז זייער אַ נאַיווער פּאָליטיקער. אויב ער מיינט, אַז אויף זיין קאָנגרעס וועלן נישט האָבן דאָס ערשטע וואָרט דווקא די ליטעראַטור-פּאָליטיקער, קעגן וועלכע ער וויל פירן אין קאַמף די גאַנצע שרייבער-מאַסע.

ווייטער איז באַקאַנט, אַז די יידישע אומה איז אין גלות, און במילא אויך איר ליטעראַטור. עס איז פאַרפאַלן. מען מוז לעבן און שאַפן אין פּוילן, רוסלאַנד. אַמעריקע, אין פּאַריז און אפילו אין ווין, מיט איין וואָרט, איבער דער גאָרער וועלט און אונטער פאַרשידענע באַדינגונגען און אומשטענדן. אויב זינגער וויל אויסלייזן די יידישע ליטעראַטור, מוז ער פריער אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק פון גלות. וועט זיך אויפהערן די אָפּגעזונדערטקייט און צעריסנקייט פון דער ליטעראַטור. סיידן אַז ער וויל אונז אַלע, שרייבער. איינזאַמלען ערגעץ אין אַ קאָלאָניע, זאָגן מיר. אוגאַנדאַ. און—משם תצא תורה.

נאָר וואָס-זשע דען, וואָס קאָן דאָס שאַטן, אַז י. י. זינגער וועט אויפן קאָנגרעס פו, די יידישע שרייבערס „אָרגאַניזירן" די באַציונג, די קריטיק, אין „אַלע לענדער" אַז מען זאָל אונזערע ווערק מער פאַרשפּרייטן און אונזערע נעמען מער פאַרברייטערן, בכל תפוצות הגולה? זייער גוט און ווויל, יישר-כח! איך בין אפילו מספּים, אַז דער „קאָנגרעס זאָל באַשליסן אויפצונעמען עטלעכע צענדליק טויזנט דאָלאַר אַן הלואה ביי דער „געזעלשאַפט", בכדי מיר זאָלן קענען מאַכן אַ גוטן ליטעראַרישן זשורנאַל. איך גיב שוין אָב מיין שטימע מיט „יאָ". (איך וואָלט געוואָלט זען, וואָס פאַר אַ פּנים עס וועט האָבן יענער חבר, וואָס וועט שטימען מיט „ניין"). אָדער וואָס קאָן מען אַ שטייגער האָבן דאַגעגן, אַז דער „קאָנגרעס פון די פאַריייניקטע יידישע שרייבערס פון אַלע לענדער" זאָל דערנענטערן אונזערע דערווייטערטע הערצער, צו וואַרעמקייט און אייניקייט און יד-אחת? אדרבה, לאָמיר אָנגורטן אונזערע פּעדערס צו מלחמת-הקודש.

געוויס, בין איך מספּים צו י. י. זינגערס אויספיר, אַז אַזאַ קאָנגרעס וואָלט געהאַט אַ גרויסע מאָראַלישע באַדייטונג. איך בין אָבער נישט מספּים מיט זינגערן, אַז ווען אפילו מיר שאַפן די דערנענטערונג, ווי ער מיינט. צווישן זיך, וועלן מיר דאַדורך שוין אויך קאָנען שאַפן די דערנענטערונג צווישן זיך און דער וועלט. וואָרום די „וועלט" איז אַ גאַנץ אַנדערער ענין.

איך בין שטאַרק מסופּק, צו די וועלט איז אָנגעברייט צו געניסן די זיסע פּרוכט פון אונזער „בליענדיקן ליטעראַטור-בוים". און דאָ קומען מיר טאַקע צום עיקר. עפּעס דריקט אונז אויף דער נשמה, ליבער זינגער. עפּעס טוט אונז וויי. מיר פילן אַלע, אַז די פּירות פונם „בליענדיקן ליטעראַטור-בוים" זענען אין דער לעצטער צייט זייער נישט גע-ראָטן, דאָס הייסט, שפע האָבן מיר ב"ה יאָ. דאָס גערע-טעניש איז זייער גרויס, דער בוים איז טאַקע פול מיט פּירות, אָבער די פּירות אַליין זענען זייער אומצייטיק און וואַ-סערדיק, כאָטש אַזוי טרוקן.

רעדנדיק אין אונזער פּראָסטן פּראָזאַישן לשון, וויל דאָס מיינען, אַז מיט קליינע אויסנאַמען האָבן מיר דערווייל דער וועלט ווייניק וואָס צו געבן. (אַ סימן, אַז די וועלט באַמיט זיך נישט ביי אונז עפּעס צו נעמען). וואָס אָנבאַטרעפט ווידער אונזער אייגענער יידישער וועלט, אַזוי איז דער אייגענער לעזער שוין אויך אַריבערגעוואָקסן אונזערע קעפּ און פאַרלאַנגט פון אונז שווערע און צייטיקע וואָרט-קינסטלערישע אַרבעטן. (די לייכטקייט און דעם שאַבלאָן נעגירט ער אָן רחמנות, ווייל ער באַפרידיקט נישט זיינע גייסטיקע באַדערפענישן). אָפּגע-רעדט שוין פון אונזער אייגענער אומצופרידנקייט, ווי איך האָב אויבן דערמאָנט.

איך גלויב נישט, אַז אַ קאָנגרעס פון די יידישע שרייבער פון אַלע לענדער, ווי זינגער פּראָפּאַגירט, וועט זיין ביכולת. אָט דעם שטילן שאַפונגס-קריזיס, וועלכער הערשט אין דער לעצטער צייט אין אונזער ליטעראַטור, דורך רעזאָלוציעס אָפּ-צושפּרעכן.

אויב עס איז דאָ אַ רפואה, הייסט זי: אַרבעטן, אַרבעטן, אַרבעטן, און נישט אין כ מ ו ת, נאָר אין א י כ ו ת.


## טויזנטער אונזערע לעזער

לייענען מיט גרויס אינטערעס

ראָמען ראָלאַנס

באַרימט ווערק

## זשאַן קריסטאָף



פון אָקטאָבער באַקומען די לעזער יעדע וואָך אַ העפט.

דער טיראַזש פון די „ליט. בלעטער" צוזאַמען מיט דער פּרעמיע איז שטאַרק געוואַקסן.

### יעדער יידישער לעזער

דאַרף אַבאָנירן די „ליטעראַרישע בלעטער" מיט די פּרעמיעס

די פּרעמיע „זשאַן-קריסטאָף" וועט געגעבן ווערן די לעזער, וואָס וועלן אַבאָנירן די „ליט. בלעט." ביזן 1 **דעצעמבער** ה. י. נאָכן 1 דעצעמבער וועט „זשאַן קריסטאָף" קאָסטן לויטן געוויינלעכן פּרייז, ד.ה. מער ווי דריי מאָל טייערער.

# מענדעלע — אַבראַמאָוויטש

(זכרונות)

פראָפ. ש. דובנאָוו בערלין

(המשך)

דער באַנייטער העברעיש האָט אויפגעלעבט אונטער דער פעדער פון מענדעלען אויך דערפאַר, וואָס ער האָט אים צוגעפּאַסט צום סטיל פון דער פאָלקס-שפּראַך פון די רוסישע יידן. אָבער כּדי צו פאַרשטיין און צו קאָנען אָפּצושאַצן די שיינקייטן פון דעם ניי-מענדעלעשן העברעישן סטיל איז וויכטיק, אַז אויך דער לעזער זאָל זיין באַקענט מיט די קוועלן פון דער העברעישער מיטלאַלטער-ליטעראַטור, פון וואַנעט דער קינסטלער האָט געשעפּט זיינע רייכטימער. עס איז די שפּראַך פון די גייסטיקע יחסנים, די קענע- פון דער העברעישער ליטעראַטור פון פאַרשיידענע תּקופות און פאַרשיידענע דיאַלעקטן. איך האָב עטלעכע מאָל באַרירט אָט די פראַגע אין מיינע שמועסן מיט דעם אַלטן פריינט און אים געזאָגט, אַז גאָר-גיך וועט מען מוזן דרוקן זיינע העברעישע ווערק מיט פירושים, וואָס זאָלן פאַרטייטשן די אַלט-אַלטע אויסדריקן, ווי ס'ווערן אַרויסגעגעבן איצט די ווערק פון שעקספּיר און ראַבלע, אָדער מיט הערות-ערקלערונגען, וואָס באַגלייטן די טעקסטן פון ר' יהודה הלוי און אבן-עזרא. די קומענדיקע דורות, וואָס האָבן נישט געלערנט אין חדר און זענען נישט בקי אין תּלמוד, וועלן נישט פאַרשטיין יענע באַזונדערע שפּראַך-אויפטוען, וואָס ברענגען אונז אַריין אין אַ באַגייסטערונג. מענדעלע האָט עס נישט געלייקנט, און דערביי איז אונז ביידן געוואָרן שטאַרק אומעטיק...

וויפיל אָוונטן בין איך אַזוי אָפּגעזעסן מיט מענדעלען, געהערט אים לייענען די ערשט-אָנגעשריבענע קאַפּיטלען פון „בעמק הבכא" („ווינטשפינגערל") און געשמועסט דערנאָך וועגן דעם, וואָס מ'האָט איבערגעלייענט... אָט קומט בין-השמשות. איך ענדיק מיין אַרבעט און לאָז מיך דורך דער אוספּענסקי-גאַס צו דער תּלמוד-תּורה. איך קום אַריין. ס'עפנט מיר אויף די טיר די פרוי, אָדער איינע פון מענדעלעס טעכטער (איך געדענק נישט, אַז אין אָט דער פאַמיליע זאָל זיין ווען אַ דינסט). שטיל און אומעטיק איז אין די גרויסע צימערן פון דעם תּלמוד-תּורה-פאַרוואַלטער. ערגעץ אין אַ לעצטן צימער זיצט מענדעלע, איינגעבויגן אויף אַ כּתב-יד. ווי נאָר ער באַמערקט מיך, רופט ער אָפּטמאָל מיט שמחה אויס: „און איך האָב געפילט, אַז איר וועט קומען! ס'ווילט זיך שמועסן מיט אייך. איר ווייסט, וועגן וואָס איך האָב ערשט געטראַכט?" און ס'גייט אַוועק אַ לאַנגער שמועס וועגן אַלץ און אַלעמען. קאָנטיק, אַ גאַנצן טאָג האָט ער אין די ליידיקע צימערן געשוויגן און איצט ווילט זיך אים אַראָפּרעדן פון האַרץ, אַראָפּוואַרפן דעם עול פון געדאַנקען, וועלכע האָבן שטענדיק זיך געקליבן אין אָט דעם וווּנדערבאַרן קאָפּ, וואָס איז דאַן באַצירט געווען מיט אַ זילבערנעם האָר-קרוין. דערנאָך קומט דאָס לייענען פון די קאַפּיטלען, וואָס ער האָט אָנגעשריבן זינט אונזער לעצטער באַגעגעניש. מענדעלע רוקט אַרויף די ברילן אויפן שטערן, טראָגט-צו צו די קורצזיכטיקע אויגן דעם גרויסן בויגן פּאַפּיר, וואָס איז אָנגעשריבן מיט אַ געדיכטן פּערלדיקן כּתב און ער לייענט. ער באַווייזט מיר דעם ביליקן בויגן פּאַפּיר און ער זאָגט מיט אַ שמייכל: „אַ גאַנצע מעשה וועט אַרויף אויף אָט דעם בויגן, וואָס קאָסט מיר נאָר אַ גראָשן—דער פּרייז פונם בויגן פּאַפּיר אין נאָענטן קלייטל". אָבער דער בויגן פּאַפּיר, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט פּלערליי צוגעשריבנס, ווערט דערנאָך איבערגעשריבן אויף אַ נייעם בויגן מיט גאַנץ נייע און וויכטיקע ענדערונגען. מענדעלע לייענט מייסטערהאַפט, אַקצענטירט די אַלע ניואַנסן פון טעקסט, ביי די לירישע ערטער, באַזונדערס ביי די באַשרייבונגען פון דער נאַטור און שטילער פּאָעזיע פון שטעטל, הערט זיך אין זיין שטימע אַ בענקשאַפט, ווי אַ געוויין נאָך די יונגע יאָרן, נאָך דער אַמאָליקער פּאַטריאַרכאַלער וועלט. אָט לייענט ער מיר, למשל, אַזאַ לירישן פראַגמענט (פון דעם ערשטן קאַפּיטל, אין צווייטן בוך „ווינטשפינגערל"): „שאַ, שטיל איז סליחות-צייט אין דעם וואַלד, ווי אין קאַבצאַנסק שבת, ווען דער עולם שלאָפט נאָך מיטאָג, און דאָס שטילקייט דאָרט וואַרפט אַ מרה-שחורה. די ביימער שטייען פאַרטראַכט, פאַרזאָרגט... זייער שאָקלען מיט די צווייגן — דאָס איז אַ ברעכן מיט די הענט. זייער זשומען—דאָס איז אַ ביטערער יאָמער, אַ זיפצן, אַ קרעכצן פון אַ געטרייער מוטער, וואָס בלייבט איבער אַליין נאָך דעם. ווי אירע קינדער צעפאָרן זיך אין אַלע זייטן..."

און מיר דאַכט זיך, ווי אין אונזער צימער וואָלט מען געהערט אָט דעם אומעטיקן גערויש פון וואַלד אין אָנהויב הערבסט, וואָס איז פאַרטראָגן פון ערגעץ אַ שטעטל, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַ וואַלד. איך הער מיך איין צו די אומעטיקע סליחות-לייענען פון די פאַרטראַכטע, פאַרזאָרגטע ביימער...

ביי מענדעלען האָט דאָס לייענען פון די לירישע ערטער דערמאָנט באמת אין סליחות-זאָגן אויף טייערע ווייטע קברים.

נישט איין מאָל האָט ער מיר געזאָגט: „איך בין אויך אַ היסטאָריקער, נאָר אויף אַן אַנדער שניט. ווען איר וועט קומען צו דער געשיכטע פונם 19-טן יאָרהונדערט, וועט איר מוזן זיך באַנוצן מיט מיינע ווערק, כּדי צו שילדערן דעם לעבנס-שטייגער פון די דעמאָלסטיקע דורות".

ער האָט מיר אָפּטמאָל דערציילט עפּיזאָדן פון זיין פערזענלעכן לעבן: וועגן יענע יונגע יאָרן, ווען ער האָט געלערנט אין ווילנער ראַמיילעס-ישיבה, ווינטער איז ער דאָרט געשלאָפן אויף דעם קאַלטן פענסטער, ווייל ס'האָבן געפעלט בענק; וועגן דער צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק מיט גאָטלאָבערן, אין קרייז פון „קאַזיאָנע" לערער און אַקציזניקעס-פראַנטן פון דער אָרטיקער בראָנפן-קאָנטאָר פון באַראָן גינזבורג. איך קאָן נישט פאַרגעסן זיין דערציילונג וועגן דער שווערער נויט, וואָס ער האָט געליטן אין זשיטאָמיר, אין די לעצטע יאָרן פאַרן אָפּפאָרן קיין אָדעס (1879—1880): די הוצאות זענען געווען גרויס; אַ משפּחה—זאַלבע זיבן; די הכנסות פון מיינע ווערק האָבן אַפילו נישט געקלעקט אויף דירה-געלט; די ווילנער און וואַרשעווער פאַרלעגער האָבן מיך באַגזלט: שטילערהייט איבערגעדרוקט די „טאַקסע", „קליאַטשע" און דאָס „קליינע מענטשעלע", בגנבה איבערפאַרקויפט איינער דעם צווייטן די סטערעאָטיפּן פון מיינע ביכער. איך בין דערגאַנגען דערצו, אַז איך בין נישט געווען זיכער מיטן מאָרגנדיקן טאָג. אין אָט דער שווערער צייט האָט מיר אַרויסגעהאָלפן באַראָן האָראַצי גינזבורג, וואָס האָט מיך געקאָנט נאָך פון מיין יוגנט, פון קאַמענעץ. ער האָט פון די פּעטערבורגער פריינט זיך דערוווּסט וועגן מיין שווערער לאַגע און אָנגעהויבן צו שיקן מיר יעדן חודש אַ באַשטימטע סומע (דוכט מיר — ביז 100 רובל).

מענדעלע האָט ליב געהאַט צו דערמאָנען זיך אָן זיין

נסיעה קיין פעטערבורג אין יענע יאָרן, ווען צווישן דער יידישער אַסימילירטער אינטעליגענץ האָט זיך דערוועקט דער אינטערעס צום פאָלק, און ס'זענען געגרינדעט געוואָרן די רוסישע וואָכנשריפטן „ראַזסוועט", „רוסקי יעווריי" און דער זשורנאַל „וואָסכאָד". לכתחילה האָט מען אים אויפגענומען ווי אַן אייגענעם אין דער ליטעראַרישער אַריסטאָקראַטישער משפחה, ווי ס'האָט זיך דאַן גערעכנט די גרופּע יידן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער רוסישער ליטעראַטור. מענדעלע האָט דאַן און אויך אַ צייט שפּעטער שטאַרק געהאַלטן פון דער מיסיע פון דער יידישער ליטעראַטור אויף רוסיש, און ער האָט זיך געפרייט, ווען מ'האָט איבערגעזעצט זיינע ווערק אויף רוסיש. צו די שרייבער-העברעיסטן אין פעטערבורג האָט ער זיך באַצויגן קאַלט. ער האָט מיר, אַגב, דערציילט וועגן זיינער אַ באַגעגעניש מיטן משורר י. ל. גאָרדאָן. אַבראַמאָוויטש איז געווען עפּעס אָנגעשטויסן אויף גאָרדאָנען, אַלס סעקרעטאַר פון מפיצי-השכלה. „איינמאָל — האָט ער דערציילט — גיי איך מיט מיינע באַקאַנטע אין פעטערבורג און באַגעגן גאָרדאָנען. מען האָט אונז פאָרגעשטעלט איינער דעם צווייטן. גאָרדאָן האָט זיך געוואָרפן מיך אַרומצונעמען, איך אָבער האָב אויסגעשטרעקט מיינע הענט, ווי אָפּשטויסנדיק אים, און דערנאָך גאַנץ קאַלט דערלאַנגט אים מיין האַנט. ער האָט זיך פאַרלוירן און בלייך געוואָרן... דערנאָך האָב איך חרטה געהאַט פון אָט דעם ברוך-הבא, וואָס איך האָב אים געמאַכט". מען דאַרף באַמערקן, אַז די שטאַרק-סוביעקטיווע, פּניותדיקע באַציונג צו מענטשן, איז געווען איינע פון אַבראַמאָוויטשס הויפּט-חסרונות. ער האָט געקאָנט צו שטאַרק פאַראַכטן אַ מענטש אויפן סמך פון נישטיקע פּערזענלעכע מאָטיוון, און אין זיינע שמועסן מיט פריינט האָט ער אָפּטמאָל אויסגעגאָסן זיין כּעס אויף פיל מענטשן, נאָענטע און ווייטע. איך האָב אים אַמאָל געשטראָפט פאַר אָט דער באַציונג צו מענטשן, ביי וועלכע אים האָט זיך בכלל געוואָרפן אין די אויגן בלויז נעגאַטיווע און נישט פּאָזיטיווע שטריכן. דערפון שטאַמט זיין שלעכטע באַציונג צו די וויכטיקסטע יידישע שרייבער פון זיין צייט.

מענדעלע אָבער איז געווען שטאַרק-שטרענג אויך צו זיך און צו זיינע אייגענע ווערק. זיינע זאַכן האָט ער כּסדר, אָן אויפהער „געשליפן", זיי איבערגעמאַכט יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיי איבערגעדרוקט אָדער איבערגעזעצט פון איין שפּראַך אויף דער צווייטער. ער איז קיינמאָל נישט געווען צופרידן מיט דעם, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין די פריערדיקע יאָרן, און פיל פון זיינע מעשות אין דער נייער באַאַרבעטונג האָבן ווייניק שייכות געהאַט צום ערשטן וואַריאַנט. דאָס באַווייזט, אַז זיין גרויסער פאַרשטאַנד איז אָן אויפהער געוואַקסן, ער האָט געקאָנט קריטיקירן זיך אין די אַלע פריערדיקע מדרגות פון זיין אַנטוויקלונג. און אָט דער כּסדרדיקער דורשט צו פאַרבעסערן זיך — איז דער בעסטער סימן פון אַן אמתן שאַפונגס-גייסט.

III

דאָס 1897-טע יאָר — דאָס קריטישע יאָר אין דער געשיכטע פון אונזער געזעלשאַפטלעכקייט — האָט אַריינגעבראַכט אַ פרישן שטראָם אין דעם לעבן פון אונזערע אָדעסער קרייזלעך. ס'איז אַוועק די שווערע, אומבאַהאָלפענע צייט. ס'האָט גענומען זיך רירן און טומלען אַרום און אַרום. נייע ציוניסטן, הערצליסטן, וואָס האָבן ערשט מקבל געווען די תורה אויפן באַזעלער באַרג-סיני, די אַלטע פּאַלעסטינצעס, די קולטור-ציוניסטן, — די נאָכפאָלגער פון אחד-העמען, די נאַציאָנאַליסטן, די פּולע און טיילווייזע אַסימילאַטאָרן פון דער אָרטיקער מפיצי-השכלה-נעסט, — דאָס אַלץ האָט זיך אויפגעפלאָנטערט אין איין קנויל, וואָס האָט זיך געקייקלט מיט אַ געוואַלטיקן גערויש איבער דער יידישער גאַס אין משך פון עטלעכע יאָר.

ווען כ'האָב זיך אומגעקערט פון מיין אויסלענדישער נסיעה, אין הערבסט 1897, האָט אונזער אָדעסער קרייזל זיך איבערגעאַנדערשט: מיר האָבן געגרינדעט אַ נייעם קרייז מיטן נאָמען „היסטאָריש-ליטעראַרישע קאָמיסיע" ביי דער אָרטיקער געזעלשאַפט „מפיצי-השכלה". „מפיצי-השכלה" איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען קיין שילד פון אונזער אידעאָלאָגיע, נאָר פשוט אַ שוץ קעגן די פּאָליצייאישע שטערונגען, כּדי מיר זאָלן קענען פראַנק און פריי זיך צונויפקלייבן אין דער לעגאַלער געזעלשאַפט, און ווען עס איז צונויפרופן גרעסערע פאַרזאַמלונגען צוליב אונזערע פאָרטראַגן און לעקציעס. אין באַשטאַנד פון אונזער „קאָמיסיע" זענען אַריין: דער פאָרזיצער פון מפיצי-השכלה מ. מרגולית און זיין טרייער נושא-כּלים אין יידישע ענינים ל. סאַקער (נישט לאַנג געשטאָרבן אין פעטערבורג), ש. י. אַבראַמאָוויטש, אחד-העם און איך. מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען, און צווישן זיי איינער אָן קיין שום ריכטונג, — מענדעלע — פאַרשטייט זיך. — זענען מיר זיך צוזאַמענגעקומען צו פירן דיסקוסיעס וועגן פאַרשיידענע גרונט-פּראָבלעמען, און געהאָפט אַזוי-אַרום צו געפינען וואָסער ס'נישט איז אַלגעמיינעם וועג אינם שאַפן אַ באַזע פאַר פאַראייניקטער נאַציאָנאַלער אַרבעט. אין משך פון 3—4 יאָר (ביז 1901) האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן אין באַשטימטע אָוונטן, איין מאָל אַ וואָך אָדער איין מאָל אין צוויי וואָכן, אין דעם קאָמיטעט-לאָקאַל פון מפיצי-השכלה, אין דער רייכער וווינונג פון איר פאָרזיצער ג. ווינשטיין אויף נאַדעזשדינסקער גאַס, און דערנאָך אויף דעם ניקאָלאַיעווער בולוואַר. דאָ זענען שוין ביי אונז פאָרגעקומען אמתדיקע זיצונגען, מיט אַ פאָרזיצער (מרגולית), מיט אַ סעקרעטאַר און פּראָטאָקאָלן-שרייבער (סאַקער), מיט סיסטעמאַטישע ויכּוחים, — בכלל מיט אַ באַשטימטער דיסציפּלין, וועלכע האָט פאַרהיט פיל צייט, נאָר האָט שטאַרק געשטערט אונזער „ווילדן" מענדעלע.

עס זענען באַהאַנדלט געוואָרן דער עיקר — טאָג-פּראָבלעמען: דער פּאָליטישער און גייסטיקער ציוניזם, נאַציאָנאַליזם און אויטאָנאָמיזם, די קולטור-אויפלעבונג. דאָס פּראָבלעם פון יהדות. יעדער איינער האָט אַנטוויקלט זיין סיסטעם, באַלויכטן די באַהאַנדלטע פראַגע פון זיין שטאַנדפּונקט. מרגולית האָט אַנטוויקלט זיין נעבעלדיקע טעאָריע וועגן דער קאָסמאָפּאָליטישער נאַטור פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אידעע, וועגן אונזער יודאַיסטישער אָדער עטישער מיסיע. און סאַקער האָט איבערגעלייגט זיינע ווערטער אויף אַ מער-קלאָרער שפּראַך פון אייראָפּעישער פילאָזאָפיע און סאָציאָלאָגיע; איך האָב באַהאַנדלט די יסודות פון דעם דאַן נאָך נייעם סיסטעם פון אויטאָנאָמיזם און „נאַציאָנאַלע רעכט", וועלכע איך האָב אין יענע יאָרן אָנגעהויבן צו באַאַרבעטן אין מיינע „בריוו וועגן יידנטום"; אחד-העם האָט זיך מער פאַרנומען מיט דער קריטיק פון אַנדערע אָנשויונגען, איידער צו געבן אייגענע, און דורך אַ שטרענגן אַנאַליז האָט ער געצוווּנגען דעם קעגנער צו קומען נענטער צו דער אידעע פון גייסטיקן ציוניזם. נאָר איין מענדעלע האָט אָפּגעוואָרפן אַלע מיינונגען, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אויף דער זיצונג און יעדעס מאָל האָט ער אַרויסגערוקט עפּעס אַ נייע, אויפן אָרט צוגעטראַכטע, טעאָריע.

(סוף קומט)

# 90-יאָריקער יובילײ פון א תּלמיד־חכם

זלמן רייזען / ווילנע

צופעליק איז מען אין ווילנע געוווירגעוואָרן, אַז דער פאַרוואַלטער פון דער באַרימטער יידישער דרוקעריי און פאַרלאַגס־פירמע „האלמנה והאחים ראָם“ — שרגא־פייבוש פייגענסאָן — האָט געפייערט זיין 90־סטן געבורטסטאָג. דער אַלטער תּלמיד־חכם האָט באמת געהאַט פאַרדראָס, וואָס אין דער אָרטיקער יידישער פרעסע איז דער דאָזיקער זעלטענער יובילײ פאַרצייכנט געוואָרן אין קורצע נאָטיצן. פאַר די באַלד 70 יאָר, וואָס ער אַרבעט אויף דעם געביט פון חכמת־ישראל, האָט ער אויסגעמיידט פּרסום, און ער איז נישט געוויינט צו אַזעלכע זאַכן ווי יובילייען, באַנקעטן, וכדומה פאַראַנשטאַלטונגען. אים איז נאָך עד־היום ליבער זיין אַרבעטס־טיש, פון וועלכן ער טרעט נישט אָפּ, און אויפן 90־סטן יאָר האָט ער ערשט אָנגעהויבן צו שרייבן א נײַ ווערק, און כאָטש ער איז פול באַשיידנקייט און אמתער עניוות, פונדעסטוועגן באַהאַלט ער נישט, אַז אויב ער וועט האָבן צייט צו ברענגען דעם דאָזיקן חיבור צו אַ גמר, וועט עס געוויס מאַכן אַ רעש אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט, סיי דער יידישער, סיי דער קריסטליכער. ער האָט מיר אויך פאַרטרויט בסוד דעם אינהאַלט פון דעם ווערק, און איך מוז דעם סוד האַלטן, ווינטשנדיק אים פון גאַנצן האַרצן צו דערלעבן די ערשיינונג פון דעם ספר. ביי וועלכן איך האָב אים געטראָפן שרייבן, בשעת מיין לעצטן באַזוך ביי אים.

פייגענסאָן קלאָגט זיך אויף זיין זכרון, וואָס דינט אים שוין כמעט נישט מער, און ער ברענגט, ווי זיין שטייגער איז, אַ מאמר פון דער גמרא, אַז זקנה איז די מוטער פון שכחה. אָבער די פּאָר שעה, וואָס איך האָב געהאַט דעם פאַרגעניגן צו שמועסן מיט אים, האָבן מיך איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון אַן אַנדער תּלמודיש ווערטל, אַז אַלטע געלערנטע, וואָס עלטער זיי ווערן, אַלץ מער וואַקסט זייער פאַרשטאַנד. אָט דער דאָזיקער זקן, וואָס קען קוים אַ טריט מאַכן אָן זייטיקער הילף, וואָס דערקענט קוים זיין אייגענע טאָכטער — אַזוי שוואַך איז זיין ראיה (צום גליק דינט זי אים נאָך צום לייענען און צום שרייבן, אמת מיט גרויס אָנשטרענגונג), פאַרנעמט נאָך אַלץ זיין אָרט אין דער אונטערנעמונג, וועלכער ער האָט אָוועקגעגעבן כמעט זיין גאַנץ לעבן, געמאַכט פאַר איינעם פון די גרעסטע פאַרלאַגן אין דער וועלט!

15.600 (פופצן טויזנט זעקס הונדערט!) בויגן סטעראָעטיפּ (ד. ה. אין בלייערנע פּלאַטן צום שטענדיקן איבערדרוקן) האָט פייגענסאָן אַרויסגעגעבן אין משך פון די 60 יאָר, וואָס ער איז דער פירער פון דעם ראָם־פאַרלאַג. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַ גוואַלדיקער אויפטו דאָס איז, און ס'איז נישטאָ דערצו קיין גלייכן אין דער גאַנצער וועלט.

אָבער דער חידוש ווערט נאָך גרעסער, ווען מיר וועלן נעמען אין אַכט, אַז דאָס זענען נישט סתּם אַזוי אויסגאַבן, נאָר די מאָנומענטאַלסטע ווערק פון דער אַלטער תּלמודישער און רבנישער ליטעראַטור, אַז צווישן זיי זענען דאָ די אויסגאַבן פון 223 (צוויי הונדערט דריי און צוואָנציק!) מאַנוסקריפּטן, וואָס פייגענסאָן האָט זיי דער ערשטער אויף דער ליכטיקער שיין אַרויסגעבראַכט פון אַלע וועלט־ביבליאָטעקן, ווו די דאָזיקע כּתבי־יד זענען געלעגן הונדערטער יאָרן און מאַנכע אויך די גאַנצע 1000 יאָר!

מ'מוז באמת שטוינען, פון וואַנען האָט עס זיך צום פּאָנעוועזשער יונגערמאַן, וואָס האָט אין זיין געבורט־שטאָט געהאַנדלט מיט טיי, גענומען אַזאַ השגה! נאָך מער מוז מען שטוינען ווען מ'נוערט געוואָר, אַז פייגענסאָן האָט אַ חוץ דער ישיבה קיין שום לערן־אַנשטאַלטן נישט באַזוכט. אין די ביבליאָטעקן נישט שטודירט, און דאָך האָט ער באַוויזן אויפצוטון אַזוינס, וואָס קיינער האָט ביז אים, נאָך אים, אויף דעם געביט נישט אויפגעטון.

אין זיין גראַנדיעזער אַרויסגעבערישער און רעדאַקטאָרישער טעטיקייט זענען אים אַלעמאָל צו הילף געשטאַנען די גרעסטע אָריענטאַליסטן און ביבליאָגראַפן, נישט נאָר יידישע, נאָר אויך קריסטלעכע, אָנגעהויבן פון דעם גאון פון דער יידישער ביבליאָגראַפיע פּראָפעסאָר משה שטיינשניידער און אויסגעלאָזט מיט באַראָן דוד גינזבורג. פראַנץ דעליטש, וואָס האָט אויך געשעצט פייגענסאָנס אַרבעט, האָט אים אַפילו געשענקט זיין בילד אַלס צייכן פון אָנערקענונג און דאָס דאָזיקע בילד באַשיינט איצט דעם מוזיי פון דער יידישער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אין ווילנע אויפן נאָמען פון ש. אַנסקי.

פייגענסאָנס פאַרבינדונגען מיט דער וויסנשאַפטלעכער וועלט זענען געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו די וואַטיקאַן־ביבליאָטעק, דער ביכער־אוצר פון די רוימישע פּויבסטן, איז געווען אָפן פאַר זיינע קאָפּיסטן אין די 4 חדשים וואַקאַציע צייט, ווען קיינער האָט צו איר קיין צוטריט נישט געהאַט זינט זי עקזיסטירט.

די קאָפּיסטן, וואָס פלעגן איבערשרייבן פאַר פייגענסאָנען די אַלטע כּתבי־יד אין די גרעסטע ביבליאָטעקן פון דער וועלט, אין אָקספאָרד, און אין קעמברידזש, און אין ברייטישן מוזעום, און אין דער מינכענער קעניגלעכער ביבליאָטעק, און אין דעם אַזיאַטישן מוזיי אין פּעטערבורג (און ווו נישט?) — האָט ער געצאָלט פון וואָך, נישט פון בויגן, כּדי זיי זאָלן זיך נישט איילן און נישט אָנמאַכן קיין גרייזן. נאָכן איבערשרייבן איז די אַרבעט קאָנטראָלירט געוואָרן פון די גרעסטע מומחים אויף די געהעריקע געביטן און אַזוי אַרום איז אַ דאַנק דער אומדערמידלעכער ענערגיע און אויסערגעוויינלעכן אונטערנעמונגס־גייסט פייגענסאָנס די אַלטע רעליגיעזע און פילאָזאָפישע ליטעראַטור פון יידישן פאָלק באַרייכערט געוואָרן מיט אָן אַ שיעור זעלטענע און ווערטפולע ספרים.

פייגענסאָן האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט דער ראָלע פון אַן אַרויסגעבער. ער איז אויך געווען דער רעדאַקטאָר פון די ספרים און פאַרזאָרגט זיי מיט זיינע וויכטיקע הערות. אַריינפירן א. א. ח.. וואָס זאָגן עדות אויף זיין גרויס בקיאות אין דעם גאַנצן אומגעהויערן אוצר פון דער יידישער ליטעראַטור, אָנגעהויבן פון דעם ים התלמוד, ביז די לעצטע ווערק פון דער משכילישער עפּאָכע.

איינע פון די קאַפּיטאַלסטע אויסגאַבן, וואָס דער ראָם־פאַרלאַג האָט צו פאַרדאַנקען פייגענסאָנען, איז די גרויסע אויסגאַבע פון תּלמוד בבלי, וואָס דרוקן עס האָט געדויערט גאַנצע 6 יאָר, פון 1880 ביז 1886, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס געאַרבעט ביי דער אויסגאַבע האָבן איבער הונדערט מאַן זעצער, און דער אַרבעטסטאָג האָט דעמאָלט געדויערט נישט 8 שעה. נאָר אפשר צוויי מאָל אַזויפיל. 14 (פערצן) קאָרעקטאָרן האָבן געמאַכט די הגהה. און ערשט דאַן האָט פייגענסאָן אַלס הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער מאָנומענטאַלער אויסגאַבע אַרויסגעלאָזט אַ קול קורא. צוזאָגנדיק פאַר יעדן געפונענעם

גרייז 3 רובל. לצים דערציילן, אגב, אז עס האָבן זיך צו אים אַ שאָט געטון טויזנטער און טויזנטער בריוו פון מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרדינען דרייערלעך און אויסגעזוכט גרייזן, אַזוי, אַז פייגענסאָן האָט געמוזט קריגן אַ מיטל נישט צו ווערן בדיל־הדל און האָט יעדן גרייז־זוכער אָפּגעענטפערט, אַז ער האָט נעבעך פאַרשפּעטיקט: איינער האָט שוין פאַר אים אויפגעגעבן דעם און יענעם גרייז...

דאָס דערציילן, ווי געזאָגט, ווערטל־זאָגער. דער עיקר אָבער איז, אַז די פראַגע וועגן אַ ריינער קאָרעקטור, נאָך וועלכער עס זאָלן קיין גרייזן נישט בלייבן, האָט פייגענסאָנען שטאַרק פאַרנומען. שטודירנדיק דעם דאָזיקן ענין, איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַפילו נאָך דער זיבעטער קאָרעקטור קען מען נישט זיכער זיין פון גרייזן (ביי אונז, ברוך השם, איז מען דאָס רוב יוצא מיט צוויי קאָרעקטורן. אין דער לעצטער צייט קען מען ממש אין האַנט נישט נעמען אַ יידיש ביכל, וואָס איז געדרוקט אין וואַרשע!). דרוקנדיק דעם ש״ס האָט פייגענסאָן באַשלאָסן צו מאַכן אַ וועלט־קאָרעקטור פון דער דאָזיקער אויסגאַבע. עס האָבן זיך אָפּגערופן אָן אַ שיעור לומדים, און ביסלעכווייז האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ גרויסער באַנד תיקון־טעותן, וואָס וואָלט געקאָנט האָבן די גרעסטע באַדייטונג פאַר דער תלמוד־פאָרשונג. וואָרים די גרייזן האָבן זיך אָנגעקליבן אין משך פון גאַנצע דורות. איז אָבער דאָס דאָזיקע ווערטפולע בוך פאַרלוירן געגאַנגען מיט אַנדערע טייערע אַנטיקן אין פאַרלאַג.

אָבער סיי ווי סיי בלייבט עד־היום פייגענסאָנס ש״ס־אויסגאַבע די וויכטיקסטע און פולשטענדיקסטע.

ביז דער דאָזיקער ש״ס־אויסגאַבע האָט מען אויך געדרוקט דעם ש״ס אין משך פון אַ פיר הונדערט יאָר*) און עס זענען אַרויס ביז 50 אויסגאַבן פון דעם ש״ס פאַר דער דאָזיקער צייט. אָבער די פופציקסטע אויסגאַבע האָט זיך קנאַפּ וואָס אונטערשיידט פון דער ערשטער, אַ חוץ דער טעכניק.

דער אויפטו פייגענסאָנס איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט פאַרזאָרגט זיין ש״ס־אויסגאַבע מיט איבער הונדערט הוספות, דאָס רוב קלאַסישע פירושים אויפן תלמוד, וואָס זענען ביז אַהער אפילו קיינמאָל נישט געדרוקט געוואָרן און ערשט אַ דאַנק פייגענסאָנען צוגענגלעך געמאַכט געוואָרן פאַר ברייטערע קרייזן. פון די דאָזיקע פירושים וועלן מיר נאָר דערמאַנען דעם פירוש רב האי גאון. רעם פירוש רבינו גרשון מאור הגולה, דעם פירוש מהר״ם מרוטענבערג א. א. וו. וואָס נישט דאָ איז דער אָרט אויסצורעכענען.

אין זיין אַרויסגעבערישער טעטיקייט איז פייגענסאָן אַלע מאָל געווען „קעגן מעלה־גרהן, נאָר פאַר מחיה־מתים זיין״. ד. ה. קעגן איבערדרוקן אויף דעם אָדער יענעם אופן די שוין־געדרוקטע ווערק פון דער אַלטער ליטעראַטור, נאָר פאַר אַרויסגעבן די כתבי־די פון די גאונים און גדולים פון די עלטסטע צייטן אָן. איז דאָס נישט דער גרעסטער שאָדן פאַר אונז, — זאָגט מיר ה׳ פייגענסאָן, — וואָס עד היום זענען נישט אַרויסגעגעבן אַלע ווערק פון רמב״ם אַפילו. וואָס צווישן זיי געפינען זיך אַזוינע, וועלכע דער רמב״ם אַליין רופט אָן „ספרים גדולים״, בשעת ווען זיין „מורה נבוכים״, אָט דער מאָנומענטאַלסטער ספר, הייסט ביי אים בלויז „מאמר״? און אויך ווערק פון סעדיה גאון, דעם דאָזיקן גרויסן רעליגיאָנס־פילאָזאָף,

און נאָך און נאָך ליגן עד־היום אין די פאַרשיידענע ביבליאָטעקן פון דער וועלט און וואַרטן, אַז מ׳זאָל זיי אַרויסציען אויף דער ליכטיקער שיין. היינט וויפיל אוצרות פון דער אַלטער ליטעראַטור האָבן זיך נישט דערוואַרט, זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין משך פון די הונדערטער און טויזנטער יאָרן, צעריבן געוואָרן ביי די אייגנטימער,׳ פאַרברענט געוואָרן אויף די שייטערס!

פאַר זיין לעבנס־אידעע מחיה־מתים צו זיין אַזעלכע מיני ווערק האָט פייגענסאָן געוווּנען די גרעסטע אַנערקענונג פון דעם באַרימטן אָריענטאַליסט באַראָן דוד גינזבורג, און ווען דער באַראָן האָט אָפּגעקויפט דעם פאַרלאַג ראָם, האָט ער געגעבן פייגענסאָנען די גרעסטע פולמאַכטן אויף דעם געביט. אָבער אין אַ פּאָר חדשים אַרום נאָכן אָפּקויפן די דרוק איז באַראָן גינזבורג געשטאָרבן און די גרויסע פּלענער זענען נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, ווייל די נייע פירער האָבן נישט געהאַט דעם געהעריקן חוש און פאַרנעם און אגב איז אינגיכן אויסגעבראָכן די מלחמה.

פון זיינע אַנדערע אַרבעטן איז די וויכטיקסטע זיין „השלמה״ צום תלמוד ירושלמי (וועלכער איז אגב אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן פון פייגענסאָנען אויף דעם זעלבן שטייגער ווי דער תלמוד בבלי, הגם פון פאַרלעגערישן שטאַנדפּונקט איז עס געווען אַ סך אַ ריזיקאַלישערע אונטערנעמונג צוליב דעם צו קנאַפּן אָפּגאַנג פון דעם תלמוד ירושלמי). ווי באַוווּסט, איז דער „תלמוד ירושלמי״ שטאַרק פאַרגרייזט געוואָרן אין משך פון יאָרהונדערטער און עס פעלן אויך אין אים גאַנצע שטיקער. דער ווילנער תלמוד־פאָרשער בער־אברהם ראָטנער (געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק) האָט אין זיין גרויסן ווערק „אַהבת ציון וירושלים״ צונויפגעקליבן כמעט אַלע נוסחאות פון „תלמוד ירושלמי״, וואָס מ׳האָט געקענט געפינען אין דער רבנישער ליטעראַטור; דערצו נאָך האָט ער געמאַכט אַ סך תיקונים אין דעם טעקסט אויפן סמך פון די כתבי יד און פראַגמענטן, וואָס האָבן זיך אויסגעפונען אין פאַרשידענע ביבליאָטעקן, בפרט אין דער קעמברידזשער גניזה. ער האָט אָבער די אַרבעט נישט פאַרענדיקט, און דאָס טוט איצט פייגענסאָן מיט זיין השלמה.

מיט זיין כאַראַקטעריסטישער באַשיידנקייט זאָגט צו מיר פייגענסאָן:

— איך בין נאָר אַ בעל־מלאכה, אָבער מיין מלאכה איז אַ נוצלעכע און נויטיקע, און איך בעט נאָר ביי גאָט אַן „אַטסטראָטשקע״ אויף 10 יאָר, ביז די קלייכדיקע 100, איך זאָל קענען פאַרענדיקן מיינע אָנגעהויבענע ווערק!

מיר ווינטשן אים דאָס פון גאַנצן האַרצן. אָפּלייגנדיק אויף אַ צווייטן מאָל איבערצוגעבן פאַר די לעזער די זייער אינטערעסאַנטע און וויכטיקע זכרונות פייגענסאָנס וועגן ראָמס דרוקעריי (די געשיכטע פון דער דאָזיקער דרוקעריי האָט ער לעצטנס באַשריבן אין באַזונדערן גרויסן חיבור, וואָס איז נאָך אין כתב־יד), וועגן זיין פריינט אייזיק מאיר דיק, וועג מרדכי פלונגיאַן און אַנדערע משכילים, מיט וועלכע ער איז געווען פאַרבונדן אין משך פון זיין לאַנגער־לאַנגער טעטיקייט.


פאַרלאַג ב. קלעצקין
שוין ערשינען
מ. באָריישאַ (מנחם)
# דער גלגול
(דיאַלאָג אין צוויי באַגעגענישן)
פרייז 3.50 נילדן


*) רעכנענדיק פאַר דער ערשטער אויסגאַבע דעם דרוק פון דער מסכת „ברכות״ אין דעם לאָמבאַרדישן שטעטל סאָנטשינאַ, וואָס איז פאַרטיק געוואָרן אין משך פון די יאָרן 1483—1488.

# פון ראָמאַן „דאָס לעצטע קאַפּיטל"

## קנוט האַמסון

(אַ פראַגמענט)

ייִדיש — פ. היילפּערין

(סוף)

מיט אייניקע וואָכן שפּעטער, ווען דער פרילינג האָט זיך שוין פאַרנומען, און אויף די ווערבעס האָבן זיך באַוויזן בליטן, האָט דניאל דערהערט אַ מאָדנע נייס:

— נו, איצט האָט זי שוין חתונה מיט דעם זשאַנדאַרם.

— ווער?

— דו ווייסט נישט ווער?—העלענע!

— דניאל האָט עס נישט פאַרשטאַנען, נישט געקענט גלייבן. העלענע?

— דעם לעצטן זונטאָג האָט מען אויסגערופן אין קירכע.

— העלענע? דעם לעצטן זונטאָג—באמת?

— ער וועט זיך דערוואַרטן, ביז מ'וועט דעם לענסמאַן אַריבערפירן אויף אַן אַנדער אָרט. און דאַן פאַרנעמט ער זיין שטעלע. דאַן וועט העלענע אַריין אין די הויכע פענסטער, זאָג איך דיר.

— איך האָב טאַקע געוווסט, אַז איך וועל היינט הערן עפּעס נייעס,—האָט זיך דניאל געצוווּנגען צו ענטפערן. — די דראַסל האָט צו מיר עפּעס אין וועג אַ געשריי געטון — האָט ער געלאַכט מיט בלאַסע ליפּן. ער איז אַוועק מיט דער סחורה, וואָס ער האָט איינגעקויפט פאַר דער דינסט, אַ היים, און האָט זיך פלוצלינג צוריק אומגעקערט אין דאָרף אַריין. ער איז נאָך נישט ווייט אַוועק. אָבער וואָס האָט ער אייגנטלעך ווידער געוואָלט אונטן אין דאָרף? ער האָט עס אַליין נישט געוווסט, ער איז שנעל געגאַנגען, געלאָפן, אויף אַן אויגנבליק געבליבן שטיין און ווייטער געלאָפן.

— דו האָסט עפּעס פאַרגעסן? האָט מען אים געפרעגט, ווען ער איז ווידער געקומען.

— יאָ,—האָט ער געענטפערט.

ער האָט געטראָפן אַ שכן, וועלכער האָט אים איינגעלאַדן. זיי זענען אַריין אין הינטערצימער ביים קרעמער און האָבן באַשטעלט משקה. דאָס איז געווען דניאלס אַ גוטער פריינט, העלמער האָט ער געהייסן, פון קינדווייז אָן געווינט אין שכנות, פון איין עלטער, אַ יונגער בחור. זיי זענען אַביסל געזעסן, זענען נאָך אייניקע אַריין, עס איז געוואָרן אַ קליינע געזעלשאַפט, און מען האָט גענומען שמועסן וועגן פאַרשידענע זאַכן. איינער האָט דערציילט, אַז ער קלייבט זיך אינגיכן אומ-בייטן די שטעלע, אַן אַנדערער—אַז ער האָט זיין ברודער, וואָס ווינט אין כריסטיאַניע, אַוועקצושיקן אַ געשאָכטן קאַלב. אָט אַזוי—וועגן אַלערליי קליינעקייטן פון טאָג-טעגלעכן לעבן.

אַלע האָבן געקוקט אויף דניאלן; זיי האָבן געוווסט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. ס'איז געווען אַ באַוווּסטע זאַך, אַז העלענע האָט געזאָלט זיין זיינע, און איצט האָט ער זי פאַרלאָרן. אַזעלכע זאַכן טרעפן—אַזוי איז שוין דאָס לעבן. זיי האָבן אויסגעמיידט אָנצורופן דעם מיידלס נאָמען. דערפאַר האָבן זיי אים אַרויסגעוויזן זייער מיטגעפיל דערמיט, וואָס זיי האָבן געטרונקען פאַר זיין געזונט, און גערעדט מיט אים וועגן זיין ווירטשאַפט, וועגן טאָראַהוס, וואָס ער האָט פאַר-וואַנדלט אין אַ הויפל. יאָ, ער איז שוין איינמאָל אַ לייט!

דניאל אַליין איז געזעסן אַ שווייגנדיקער און האָט זיך געלאָזט באַהאַנדלען, ווי אַ קראַנקן. די גינציקייט מצד די באַקאַנטע איז געווען זייער אָנגענעם. אפשר האָט ער אַביסל געמאַכט אַן אָנשטעל און זיך געוויזן מער צעטראָגן, איידער ער איז אין דערראַמתן געווען. אין דער ערשטער אויפרעגונג איז ער צוויי מאָל געגאַנגען הין און צוריק אויף די בערג, דערצו נאָך האָט די גוטע משקה געווירקט און ער האָט זיך דערפילט פרייער. לסוף האָט ער מער נישט געקענט אויס-האַלטן און ער האָט געפרעגט:

— אימיצער פון אייך איז געווען דעם לעצטן זונטאָג אין דער קירך?

יאָ, פיל זענען געווען. צוליב וואָס פרעגט ער?

— גלאַט אַזוי.

— עס זענען געווען דריי קינד-טויפונגען און איין לויה.

— און די מעלדונג וועגן דעם זשאַנדאַרמס חתונה — האָט אימיצער לסוף געמאַכט.

אַן אַנדערער האָט געוואָלט די דאָזיקע רייד פאַרגלעטן, האָט ער איבערגעריסן און געזאָגט צו דניאלן:

— איך האָב געהערט, אַז דו האָסט שוין אין טאַראַהוס פּאַשע נאָך פאַר צוויי שטיק פי. רעכנסטו נאָך אַ פערד אויך האַלטן?

אַ לאַנגע פּויזע. מען האָט ביסלעכוויז אָנגעהויבן צו רעדן פון פאַרשידענע זאַכן, פלוצלינג האָט דניאל אַ זאָג געטון:

— צי איך וויל האַלטן אַ פערד? וואָס דאַרף מען אַ פערד? וואָס טויג מיר איצט דער גאַנצער טאָראַהוס?

ער איז איצט געזעסן מיט חברים פון דאָרף. וואָלט ער אפשר אַזוי דעם גאַנצן אָנשטעל נישט באַדאַרפט מאַכן — די יונגע בחורים זענען געווען געוויינלעכע פּויערן. אמת, זיי האָבן אים געווונטשן אַלדאָס גוטס, אָבער זיי האָבן נישט פאַרשטאַ-נען, ווי קאָן עס אַ ליבע-אומגליק אָפּנעמען דעם ווערט ביי דער לאָנקע, ביי דעם באַרגהויף. ער וועט זיי באַלד גאָר לאַנג-ווייליק ווערן מיט זיין אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. און דניאל האָט געמוזט אָנהויבן אַביסל צו רעדן, כדי זיך צוצוגעבן מוט: ער וועט עס אַליין שיקן צום טייוול! מען זאָל זיך פאַר אים היטן. געוויסע לייט מעגן זיין פאָרזיכטיקער בנוגע צו אים!

— יאָ,—האָבן די בחורים געזאָגט גלייכגילטיק,—לחיים!— האָבן זיי געזאָגט און מער קיין ווערטער נישט געמאַכט.

נאָכדעם זענען זיי אַוועק איינער נאָך דעם אַנדערן, ווייל עס האָט זיי אָנגעהויבן צו ווערן לאַנגווייליק. דער, וואָס האָט דאָס געשאָכטענע קאַלב געוואָלט אָפּשיקן דורך דער באַן, האָט געדאַרפט רעדן מיטן קרעמער, ער זאָל אים העלפן. איז דניאל געבליבן מיט העלמערן, און זיי האָבן פאַררויכערט.

— העלמער, איך וויל אונטערצינדן אַ הויז,—זאָגט דניאל רויכערנדיק ווייטער אַ רויקער.

יענער גענעצט.

פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשע

וויקטאָר מאַרגעריט—דער קערפּער געהערט דיר

„ דער נייער דור

מאַקסים גאָרקי — דאָס לעבן פון קלים סאַמגין

דערשיינען די טעג

— מ׳דאַרף נישט,—ענטפערט ער ענדלעך, טוט אַ שמייכל און אַ שאָקל מיטן קאָפּ.

— איך וועל עס טון,—זאָגט דניאל,—זאָל זי אונטער זיך דערשפּירן די היץ פון טרוקענעם האַלץ.

— ווייס איך! דאָס איז נאָר גערעדט.

דניאל שאָקלט מיטן קאָפּ.

דעם חבר קומט אַ רעיון אויפן זינען. ער זאָגט:—ס׳איז צו ווייט פון לענסמאַן.

— וואָס הייסטו?

— דו מוזט דאָך אין אַ שעה אַרום נאָכדעם, ווי דו וועסט עס אָפּטון, מעלדן זיך ביים לענסמאַן.

— פאַרוואָס עפּעס?—פרעגט דניאל פאַראינטערעסירט.

— ווען נישט—וועט מען דיך אויפזוכן, כאַפּן און פאַרמשפּטן צום טויט.

— זאָל מען אָקאָרשט!

— ניין, עס איז באמת געפערלעך אַזאַ זאַך צו טון צו ווייט פון לענסמאַן,—פאַרענדיקט העלמער. און כּדי דעם חבר נאָך מער פון דעם אָפּצורעדן, גיט ער צו: — און חוץ דעם, מיינסטו דען, אַז זי איז אַזוי פיל ווערט? קום לאָמיר גיין.

זיי זענען צוזאַמען געגאַנגען. ביז דער וועג האָט זיך געשיידט, דאַן האָבן זיי זיך געזעגנט.

— הער, העלמער! — האָט דניאל פון ווייטן אַ געשריי געטון. — איך טו עס!

— אַ משוגעת! — האָט העלמער געענטפערט.

דעמאָלט איז איינער אַוועק אַהיים, און דער צווייטער — אונטערלייגן פייער אונטער אַ הויז. ניין דעם זייגער איז ער געקומען אַהין און האָט זיך געזעצט ביים ברעג פון דעם הויף, כּדי צו וואַרטן, ביז עס וועט פינסטער ווערן. דאָס וועטער איז געווען ווי געווינלעך צום אָנהייב פרילינג, קעגן אָוונט איז קיל געוואָרן. אָבער די משקה האָט דניאלן אינערלעך געוואַרעמט, אַזוי, אַז ער איז נישט געפרוירן. עס איז נאָך דער רויך געגאַנגען פון אַ קוימען אויף דעם הויז, וואָס פאַר אים, אָבער קיין סימנים פון לעבן האָט מען אין הויף נישט געזען. אַלע זענען שוין אַוועק רוען. דער אָנבליק פונם הויז, אַ באַשטימט פענסטער פון אַ קאַמער, די ערינערונג, די ווירקונג פון דער משקה האָבן גענומען שאַפן אַ ווייכע שטימונג ביי דניאלן. ער האָט זיך צעוויינט און האָפענונגסלאָז געשאָקלט מיטן קאָפּ. לסוף איז ער איינגעשלאָפן.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ דערפרוירענער, נישט דערקענט די שוואַכע ליכטיקייט און געמיינט, אַז עס איז שוין פאַרטאָג. עס איז שוין צו שפּעט עפּעס צו טון! האָט ער געטראַכט און איז אַוועק אַהיים. ער איז שוין אַ היפּשן שטיק אַדורכגעגאַנגען, און פּלוצלונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט: עס איז דאָך גאָרנישט פאַרטאָג, פאַרקערט, עס איז געווען אַרום האַלב נאַכט, גראָד די רעכטע צייט! ווען דאָס וואָלט געווען געשאַריעט אויף טאָג, וואָלטן שוין די פייגל אָנגעהויבן צו זינגען. אַזאַ נאַר איז ער געווען. אָבער איצט אַזאַ גרויסן שטיק וועג צוריקגיין! — ער האָט עס נישט געקענט. ער איז געווען שלאָף און מאַט.

זאָל שוין זיין אויף אַן אַנדערש מאָל.

איז גאָרנישט געוואָרן מיטן אונטערצינדן, ניין, ניין, מער גאָרנישט, ווי רייד און אָנשטעל. אָבער מען האָט וועגן דניאלן גענומען רעדן פאַר זיין פּלוידעריי. די איינוווינער פון דאָרף זענען פאַרציטערטע געוואָרן: אָט צו וואָס עס איז דערגאַנגען דער דאָזיקער דניאל, וועלכער שטאַמט פון אַ רייך הויז!

אַז ער פלעגט איצט אַראָפּקומען אין דאָרף, האָט מען אויף אים געקוקט אַביסל קרום. דניאל האָט גוט באַמערקט, אַז די אַלטע פריינטשאַפט צו אים איז פאַרשווּנדן. דעם אַמאָליקן שכנס זון העלמער איז נאָך געבליבן דער זעלביקער, ווי געווען, און האָט זיך איינגעשטעלט, וויפיל ער האָט געקענט, קעגן די רכילות, וואָס מען האָט אָנגעפירט אויף דניאלן, אָבער אַ דאָרפסמאַן ענדערט זייער שווער זיין שטאַנדפונקט און גלויבט אין דעם, וואָס איז אַמערגסטן.

איז דניאל מער געזעסן אין דערהיים, אין זיין טאָראַהויס, און געטון אַלערליי מאַנסבילשע אַרבעט. עס איז איצט געווען פרילינג, און ווייל ער האָט אַלץ געמוזט טון אַליין, האָט ער געהאַט גענוג אַרבעט. און ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז דניאל וועט אַזוי שנעל גובר זיין די ליבע-בענקשאַפט זיינע, אַזוי, אַז ער האָט נישט דעם שלאָף, נישט דעם אַפּעטיט פאַרלוירן? מען קאָן נישט זאָגן, אַז זיין טרויער איז אין אָנהייב נישט שטאַרק געווען, אָבער ער האָט עס בייגעקומען. ער האָט גענומען דעם שכל צו-הילף. ער האָט זיך אַ קניפּ געטון אין האַנט און דערשפּירט, אַז ער איז דער זעלביקער, וואָס געווען. „אָפּגעריסן, אַ שמעק געטון און אַוועקגעוואָרפן — אָט איז דיר איר ליבע. און דערצו איר נאַרישע טבע — יאָרנלאַנג צו ציען אים מיט יאָ און ניין, און אָפּס מיט קושן און גלעטן, נישט רעכנענדיק, אַז דאָס איז אויף דעם גאַנצן לעבן. אָבער אַלץ איינס, ער האָט געהאַט פאַרטראַכט צוצובויען אַ צימער צו זיין שטיבל — זאָל עס צוגעבויט ווערן, — ווי פאַר גאָט — עס וועט אים גאָרנישט אָפּהאַלטן. ער האָט דען נישט קיין געהילץ גענוג — איין שטאַם דאָ, איין שטאַם דאָרט אין טאָראַהויסער וואַלד! די דאָזיקע ביימער זענען אים געפעלן געוואָרן אין די אָוונטן. איינער דאָ און איינער דאָרט. ווען ער פלעגט נאָך דער אַרבעט אַרומוואַנדערן: באַרג-סאָסנעס, וועלכע האָבן ווי לויטערער קופּער געקלונגען, ווען די האַק האָט זיי געטראָפן. טייער געהילץ. יאָ, דער צובוי וועט געמאַכט ווערן. דאָס איז אפשר געווען נישט קיין זאַך פון אומשטערבלעכקייט, דאָס איז געווען אַ זאַך פון ערעגיין. אפשר וועט מען מיינען, אַז ער דאַרף שוין נישט קיין גרויס הויז, וויבאַלד אַז העלענע האָט מיט אים איבערגעריסן,—אמת טאַקע, אַלץ אמת, אָבער אַ הויז וועט פאָרט אויסגעבויט זיין.

אַ יונגער געזונטער בחור קאָן דאָך נישט מיט די זעענדיקע אויגן לעבן ווי אַ בלינדער. זאָל ער אפשר דאָ אין די בערג אָן ציל און צוועק פאַרפוילט ווערן? שוין יאָרנלאַנג האָט ער דאָס דאָזיקע הויז געזען פאַר די אויגן: עס האָט קיינעם נישט געדאַרפט פאַרוווּנדערן מיט דער שיינער פּוצעכץ, נאָר עס זאָל זיין פונקט אַזוי גרויס, ווי ס׳איז נויטיק: איין גאָרן, און דריי פענסטער, וואָס קוקן אַרויס אויפן דאָרף.

אין הערבסט זענען ביידע יעגער ווידער געקומען, דער אַדוואָקאַט און דער דאָקטאָר. זיי האָבן לפנים-וועגן געטראָגן ביקסן און רוקזעק, געווען אָבער אָן הינט און האָבן גאָרנישט דערשאָסן.

פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע

| | | |
|---|---|---|
| אַליין (ראָמאַן) | 4,50 | גילדן |
| 1369 (ראָמאַן) | 4.50 | „ |
| אַרום די חורבות (נאָוועלן) | 4.50 | „ |
| אויף זייטיקע וועגן „ | 4.50 | „ |
| לינטשערייי „ | 6.00 | „ |

הויפּט-פאַרקויף „Bicher“. Warszawa Nalewki 2

זיי האָבן געפרעגט ביי דניאלן, אפשר וויל ער פאַרקויפן זיין שטיבל, זיין הויפל.

— אָ, ניין,—האָט ער ווידער געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— אויך איצט נישט?

— ניין.

— ער קאָן זאָגן, וואָס וויל ער פאַר דעם, ער מעג פאָדערן, וויפיל ער וויל.

— ניין, ער וויל נישט.

דאָס איז דער פויער אין אים; ער איז פאַרעקשנט, — האָבן זיי מסתמא געטראַכט. דעמאָלט האָבן זיי אים גענומען רייצן דערמיט, אַז זיי וועלן די שכנישע פאַשע, דעם צווייטן טאָראַהוס, אָפּקויפן.

קעגן דעם האָט דניאל גאָרנישט געהאַט.

די אויסזיכט איז פון דאָרט פונקט אַזוי ווייט, עס איז נאָר געלעגן עטוואָס העכער אויף אַ שפּיץ. נישט אויף דער זייט פון באַרג, — דאָס איז געווען די גאַנצע אומאַנגענעמע זייט פון יענעם טאָראַהוס.

— דאָס איז דען נישט אַלץ איינס? — האָט דניאל געפרעגט.

ניין, נישט אַלץ איינס פאַר דעם צוועק, צו וועלכן די הערן ווילן עס קויפן.

פויזע.

— אָבער. — האָבן זיי געזאָגט, — דאָס איז דאָך דער זעלביקער באַרג, דער טאָראַהוס־באַרג אומעטום. און אויך וואַלד אויף ברענהאָלץ, וואַסער, אַן אויסזיכט, אַ הויך פון פירהונדערט מעטער.

— געוויס, — האָט דניאל געזאָגט.

פויזע.

— הייסט עס, אַז ס'וועט ביי אונז גאָרנישט אַרויסקומען?

— ניין, זאָל עס זיין, ווי ס'איז געווען.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון דאָרף, אַז די שכנישע לאָנקע איז טאַקע פאַרקויפט, די צוויי הערן האָבן געזאָגט דעם אמת. זיי האָבן דאָרט געוואָלט אויסבויען אַ סאַנאַטאָריע, אַן אַנשטאַלט פאַר קראַנקע און שוואַכע. זיי זענען נישט קיין ספּעקולאַנטן, זיי זענען בעל־צדקות און מענטשנפריינט מיט גרויסע פּלענער. און ווען דניאל האָט מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער אין פעלד געגראָבן שטיינער, האָט ער פון דער זייט פון דער שכנישער לאָנקע דערהערט קלעפּ פון העק. ער איז אַוועק אין דער ריכטונג פון וואַנען די קלעפּ האָבן זיך געהערט, און געטראָפן פיר מענטשן, וועלכע האָבן דורכגעלייגט אַ וועג אויפן באַרג. דאָס זענען געווען אַלע איינוווינער פון דאָרף. דניאל האָט זיי געקענט און אָנגעהויבן מיט זיי צו שמועסן.

יאָ, אַלץ שטימט אַזוי, ווי ער האָט געהערט. איצט וועט עס אַביסל זיין, וואָס צו זען אויף דעם טאָראַהוס־באַרג. זאָל גאָט היטן! זיי האָבן אָנגעוויזן הינטער די אַקסלען: דאָרט גראָבט מען שוין אויס דעם קעלער. און מען מויערט דעם פונדאַמענט פאַר אַן אומגעהייערן פּאַלאַץ.

דניאל האָט אָן חשק דערציילט, אַז די הערן זענען פריער ביי אים געווען, נאָר ער האָט זיי נישט געוואָלט פאַרקויפן.

אויב אַזוי, איז ער שוין אַ נאַר געווען,—האָבן די מענטשן געזאָגט. די הערן האָבן אַ פיינע מטבע באַצאָלט פאַר דער לאָנקע; דערצו זענען נאָך גרויסע שטרעקעס נישט קיין גערירטע געבליבן אין די בערג.

— וואָס־זשע האָבן די הערן באַצאָלט?

די מענטשן האָבן אָנגערופן אַ סומע. גאָרנישט קיין קליינע.

מילא. ווער עס האָט עס באַקומען, זאָל עס פאַרנוצן דאָס איז העלמערס פאָטער, פון דעם שכנישן הויף. זאָל זיין מיט גליק!

דניאל איז אַוועק אַהיים און געטראַכט וועגן דעם ענין. געוויס, גרויסע ענדערונגען, אָבער וואָס־זשע וועט דערפון אַרויסקומען. האָט ער, וואָס האָט זיך נישט אונטערגעגעבן פאַר העלענעס פאַרלאַנג,—האָט ער דען געזאָלט טאָראַהוס, זיין הויף, פאַרקויפן און פאַרלאָזן און אָן אַ דאַך צוריקקערן זיך אין דאָרף? אַפּנים טאָראַהוס איז פאַר אים נישט גענוג גוט? ער וועט זיי שוין שפּעטער באַווייזן. נישקשה, ער האָט זיינע אייגענע פּלענער.

היות ווי די טשעסלער פון דאָרף האָבן אים עטלעכע מאָל כסדר צוגעזאָגט קומען אָנהייבן צו בויען, און לסוף זענען זיי נישט געקומען, האָט דניאל גענומען צוויי מענטשן פון אַן אַנדער דאָרף. ער האָט אַליין די קלעצער פריער אַרומגעהאַקט און אָפּגעהובלט. די צוויי טשעסלער האָבן זיך לעבעדיק גענומען פאַר דער אַרבעט. און אין אַ פּאָר וואָכן איז אויסגעוואַקסן אַ נייע שטוב מיט אַ נייעם קעמערל, וואָס וואָלטן אים געקאָנט קלעקן אויפן גאַנצן לעבן, שיינע און ווייסע. די צוויי טירן און די דריי פענסטער האָבן די מענטשן געדאַרפט מאַכן ביי זיך אין דערהיים און ווינטערצייט אָפּפירן אויף אַ שליטן. אַלץ איז געגאַנגען, ווי געשמירט. אָ, יעדע זאַך האָט געהאַט איר אינהאַלט און איר זינען. עס איז געגאַנגען גוט. צו זומער־צו האָט די קו זיך געקאַלבט, און דעמאָלט האָט ער שוין געהאַט דריי שטיק פי, אַ פערד? געוויס, ווען ער וועט האָבן פיר קי, וועט ער נעמען טראַכטן וועגן אַ פערד. ביז דעמאָלט איז ער אַליין געווען אַ גוטער פערד.

איינציקע לאָנקעס האָבן אים פאַרשאַפט פיל אַרבעט, אָבער דערפאַר האָט מען פון זיי געקאָנט פיל וואַרטן. דאָס זענען געווען זומפן, שרעקלעך פייכטע, אָבער מיט אַ באַזונדער גוטן באָדן, מען האָט זיי באַדאַרפט אויף אַ געהעריקן אופן אויסטריקענען. דניאל האָט געאַרבעט.

„גרינינקע ביימעלער" נ' 2
צווייוועכנטלעכער אילוסטרירטער קינדער־זשורנאַל אונטער דער רעדאַקציע פון ש. באַסטאָמסקי.
שוין דערשינען דער נומ. 2 פון צווייטן יאָרגאַנג מיט זייער אַ רייכן אינהאַלט
הײַ־יאָר דערשײַנען די „ביימעלעך" 2 מאָל אַ חודש.
חברים און פריינט! שטיצט דעם איינציקן יידישן קינדער־זשורנאַל! שאַפט אַבאָנענטן, קרייזלעך דעם זשורנאַל צו פאַרשפּרייטן! די בעסטע מתנה פאַר קינדער איז אויסצושרייבן פאַר זיי די „גרינינקע ביימעלעך". די יאָריקע אַבאָנענטן באַקומען אומזיסטע פּרעמיעס.
אַבאָנעמענט־פּרייז: אַ יאָר (20 נומערן)—7 גילדן; אַ האַלב יאָר—4 ג.; אַ פערטל יאָר 2 ג.; אויסלאַנד: אַ יאָר — 1.20 דאָלאַר, אַ האַלב יאָר — 60 סענט.
פון עלטערע יאָרגאַנג פאַרבליבן אַ קליינע צאָל קאָמפּל. פּ. 4 ג.
געלט־שיקן אויף אַ פּאָסט־אַנווייזונג לויטן אַדרעס:
Wilno, Stefańska 24 m. 28, S. Bastomski.

דער צייטווייליקער אַדרעס פון
משה לערער
אין נאַוואַליפּיע 36, ה. 86.

# א. לוצקיס קאַפּעליע

## א. לוצקי: „נעמט עס! ס'איז גוט פאַר אייך!“

פאַרלאַג „אַבאַנענטן“, ניו-יאָרק, 1927, 368 ז.

א. אלמי / ניו-יאָרק

דעם ליטעראַרישן מפונק וועט א. לוצקיס בוך לידער שאַקירן, איידער ער וועט עס באַוויזן צו לייענען, שוין מיטן נאָמען („נעמט עס — ס'איז גוט פאַר אייך“); און נישט קיין גרעסער נחת וועט ער האָבן דערפון, וואָס דער מחבר האָט אין סאַמע אָנהויב בוך אָפּגעגעבן אַרום פערציק זייטן פאַר די מיינונגען און רעצענזיעס. וואָס זענען ווען-ס'איז און ווי-ס'איז געשריבן געוואָרן וועגן זיינע לידער; אפילו דער נאָמען פונם פאַרלאַג (פאַרלאַג „אַבאַנענטן“) זעט אויס נישט זייער חנעוודיק.

אָבער ווער ס'איז פון פריער באַקאַנט מיט א. לוצקיס שטייגער שרייבן, פון די פאַנאַנדערגעוואָרפענע לידער זיינע, וועט דאָס אַלץ אויפנעמען ווי אַ גאַנץ געוויינטלעכע זאַך, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס איז „אין אָרדנונג“, און אין הסכם מיטן גאַנצן תמימותדיקן און קאַפּריזנעם כאַראַקטער פון דעם דיכטער, וועלכער ווערט כסדר געוואָרפן צווישן פיינער ליריק און גרילצנדיקן דזשאַז, וווּלגאַריטעט און אינטראָספּעקציע, און אין-זיך פּאַרטיפּטקייט, וואָס ווערט ביי אים דאָ און דאָרט אַריבערגעטראָגן אויף דער דרויסנדיקער נאַטור, אויף דער אַרומיקער וועלט.

לוצקיס דיכטונג איז אַ פּאָעטישע קאַפּעליע, ווו גראָבע און דינע טענער מישן זיך צונויף; דער דיקער באַס פּאַלט אַריין אינם דינעם פליים; דער קלאַרנעט אינם באַראַבאַן. אַמאָל איז איין טאָן שטאַרקער און אַמאָל אַן אַנדערער; אָבער פּונקט ווי אין זיין גרעסערער אימפּראָוויזאַציע „די קאַפּעליע“ (ז. 231), ווו יעדער אינסטרומענט האָט זיין באַזונדערע נשמה און אייגנאַרטיקן טאָן, דורך וועלכן ער גיסט אויס זיין „האַרץ“ און טענהט זיך אויס מיט דער וועלט — אַזוי זענען אויך לוצקיס לידער, די „גראָבע“ און „דינע“, די „איידעלע“ און „ווולגאַרע“ נויטיקע אינסטרומענטן, וואָס צונויפן שאַפן זיי זיין פּאָעטישע קאַפּעליע...

הערט מען זיך צו צו לוצקיס גאַנצער קאַפּעליע — צו אַלע זייערע טענער — באַקומט זיך אַ פול בילד פון דעם מחברס דיכטערישער וועלט, ווו אַלץ לעבט, באַוועגט זיך; ווו אַלץ האָט אַ חילן, אַ זינען און אַ באַשטימטן שכלדיקן תכלית, — סיי אין דער באַלעבטער און סיי אין דער אומבאַלעבטער נאַטור — אין מענטש און אין בוים, אין ערד און אין ים, און אַפילו אינם שטיקעלע פּאַפּיר, וואָס וואַלגערט זיך ביי די פיס; דאָס איז אַ פילאָזאָפישע קאָנצעפּציע, וואָס דער דיכטער האָט דערגרייכט נישט אינטעלעקטועל, נייערט אינטויטיוו און דער וועג פון דער אינטויציע איז געווען: פון תמימותדיקער באַוווּנדערונג צו אינטראָספּעקטיווער באַטראַכטונג.

ביי אַזאַ פּאָעטיש-פילאָזאָפישן אויפנעם פון דער וועלט איז עס נאַטירלעך, אַז ביים דיכטער זאָל נישט בנמצא זיין דער טויט. וואָרום אַפילו דער טויט איז דאָך בלויז אַ פאָרם פון לעבן —אין דעם אומענדלעכן לעבנס-ים. אדרבא, די ליכטיקסטע לידער אינם בוך זענען יענע, וועלכע ער האָט פריער אָנגערופן „די טויטע וועלט“, און ער וואָלט, אייגנטלעך, די דאָזיקע לידער געדאַרפט רופן „די לעבעדיקע וועלט“, מחמת אַלץ באַוועגט זיך דאָרט, רעדט, שטרעבט, רייסט זיך צו עפּעס, אפילו דאָס אויסגעמאָלטע מיידל אויף דער שניידערשער שילד, וועלכע וויל זיך נישט לאָזן אומברענגען פון ווינט און רעגן, וואָס זענען זי אין דרויסן באַפאַלן (ז. 48). און אויב אַ שטיקל פּאַפּיר גייט אַ פאַל אַרויף אויף אַ רעלס, איז עס נישט דער ווינט, נאָר דער באַוווּסטזיניקער פאַרלאַנג צו באַגיין זעלבסטמאָרד: אין אַז אין לעצטן אויגנבליק קריגט דאָס שטיקל פּאַפּיר חרטה און אַנטלויפט, איידער די באַן קומט-אָן, האָט דאָס דער לעבנס-אינסטינקט גובר געווען (ז. 50). אַפילו געוועזענע זאַכן זענען דאָ, ווייל אויך דאָס געוועזענע לעבט — ערגעץ אַנדערש, מחוץ דער זעבאַרער וועלט, אָבער זיי עקזיסטירן און זיי זוכן אַ תיקון ביים דיכטער:

אז איך פאַרמאַך די אויגן,
פאַ איך אריין אין אַ רוסיקן לופט-ים פון פאַרבן.

איך זע פאַרמען פון געוועזענע זאַכן
יאָגן זיך צו מיר פון אַלע וועלט-ווינקלען:
„ער איז דאָ! ער איז דאָ!“ א. א. וו. (ז. 214)

וואַסערן לויפן איבער דער וועלט... לויפן זיי נישט סתם. ס'איז דערין פאַראַן זינען און תכלית. וואָרום אַ סתם-אין-דער-וועלט-אַריין איז נישטאָ. יעדע זאַך, יעדעס געשען, יעדע דערשיינונג האָט שוין מיטן עצם-זיין אַ כוונה, אַ ציל. און אַלץ צוזאַמען איז איין אומענדלעכע האַרמאָניע פון אַלערליי צילן און תכליתים, וואָס מאַכן אויס אין סך-הכל: איין ציל און איין תכלית:

וואַסערן לויפן איבער דער וועלט —
אימפּעטיקע,
קרעפּטיקע.

. . . . . . .

וואַסערן לויפן איבער דער וועלט —
און זוכן.
לויפן מיט זון,
מיט לבנה,
מיט פינסטערניש —
און שרייען.

וואַסערן לויפן רונד אַרום און רונד אַריין.
רונד אַרויס און רונד אין דריי.
קרום — אַרויף
און גראַד —
אַראָפּ.

אַ נייגעריקייט,
אַ גערוישערייט,
אַ פרייד אין דער וועלט אַריין. (ז. 177)

וואַסער איז נאַטור-עלעמענט. די באַן איז פון מענטש געשאַפן. אָבער ביי לוצקין איז נישטאָ קיין גרענעץ צווישן באַשאַף און באַשאַף—צי דאָס קומט פון גאָט, אָדער פון מענטש, צי ס'איז משׁשת ימי בראשית, אָדער פון נעכטן, צי אַפילו פון דער לעצטער מינוט. וואָס איז דען דער אונטערשייד? שטאַמט דען נישט אַלץ גלייך—פון איין מקור, פון אור-קוואַל, און פון איין-און-דעמזעלביקן קאָסמישן שכל? דעריבער איז אויך איין תכלית אין דעם גאַנג פון דעם מענטש, אינם פליסן פון די וואַסערן און אינם לויף פון דער באַן: „באַנען-באַנען אויף רעלסן. באַנען — אַדלערס. זאַג, זאָג, באַן, פון וואַן? באַן, באַן, וווּהין? נישטאָ קיין צייט, נישטאָ קיין צייט“ (באַנען, ז. 159). און פאַרנדיק אין באַן, זעט מען די גאַנצע וועלט — ווי אַ קאַרוזעל זיך דרייענדיק פאַר די אויגן:

אַ מחיה צו פאָרן אין באַן
און הערן די פענסטערלעך פּלאַפּלען.
און זען די טעלעפאָן-שטאַנגען,
פריילעכע טעלעפאָן-שטאַנגען:
אַ קוק אין אַ שויב — און אַוועק.
אַ קוק אין אַ שויב — און אַוועק.

אַ הונט וויל אַ כאַפּ טון אַ שויב,
כאַפּט זיך די שויב און זי פליט,
זוכט זי דער הונט אויפן פעלד.
פּלאַטערט אַ קאַטשקע פון שרעק,
וויל זיך צעפליען און פאַלט.
דערזעט דאָס אַ ציג און זי שפּרינגט.
אַן איינזאַמע ראָד אויף אַ מיל
פאַרדרייט זיך דעם קאָפּ מיט אַ ווינט.

. . . . . . . . . . .

אַ יעזוס לויפט-אָן און פאַרשווינדט.

יאָגט זיך אַ קלויסטער נאָך אים,
אײַלט זיך אַ גלח נאָך זיי.
דערשרעקט זיך אַ שול און אַנטלויפֿט.
יאָגט זיך אַ שמש נאָך איר –
קוקט אַ יונגאַטש און ער לאַכט.

. . . . . . . . . .

אַ בוימעכע כאַפּט זיך אַרויס
און דרייט זיך מיט אימפּעט צום טאָל.
לויפֿן בעריאָזקעס נאָך איר,
לויפֿן קאַשטאַנעס נאָך איר.
לויפֿן סאָסנאָוועס נאָך איר.
שלעפּן די דעמבעס זיך נאָך.

אַ ריזיקער בוים אין דערמיט
האַלט זײַנע הענט אין דער הייך
און שאַרט זיך צו איר מיטן בויך.
שפּאַרן די ביימער די קעפּ
און טײַטלען אויף אים מיט זיי הענט.

דרייט זיך אַ בוים אינעם טאָל
און גאַפֿט ווי מען האָט זיך צעדרייט.

. . . . . . . . . .

יאָגט זיך דאָס פֿעלד מיט דער וועלט.
יאָגט זיך די וועלט מיט אַ פֿרוי.
יאָגט נאָך דער פֿרוי זיך אַ מאַן.
לויפֿט אַ בית-עולם נאָך זיי.
שפּילט זיך אַ קינד הינטער אים (ז. 162)

די אַלע געבראַכטע לידער לוצקיס זענען נישט קיין אויסנאַמען, ווי דעם דיכטערס וועלט-בילד ווערט אַזוי בולט אַרויסגעבראַכט, מיט דעם אויסנאַם אַשר פֿון זײַן סעריע „געלט“, ווו די אינטויִטיוו-תּמימותדיק-דערגרייכטע וועלט-קאָנצעפּציע ווערט שוין באַיוּוּסטזיניק עקספּלאָאַטירט און דערפֿירט צו אַבסורד. ווי איינער זאָל דעם דאָזיקן כאַראַקטער פֿון לוצקיס לידער נישט באַצייכענען, אונטער וואָס פֿאַר אַן „איזם“ ער זאָל זײַנע לידער נישט אוועקשטעלן, וועט ער קודם-כּל מוזן מודה זײַן, אַז זיי זענען וואַרהאַפֿטיקע דיכטונג און אַז אין דער דאָזיקער דיכטונג שלאָגט יענער כּח, וואָס מאַכט אונז זען, גלייבן און הנאה האָבן. דאָס איז עס דאָך, וואָס מיר ווילן פֿון פּאָעזיע, פֿון יעדער קונסט.

# נײַע ביכער

○ ב ר ו ך ג ל אַ ז מ אַ ן — אויף די פֿעלדער פֿון דזשאָרדזשיאַ. געקליבענע ווערק. באַנד 4. ווילנער פֿאַרלאַג פֿון ב. קלעצקין, 1927, 382 ז.

דאָס בוך באַשטייט פֿון דרײַ אָפּטיילונגען: 1) די דריטע אַשורה.—אין וועלכער ס'גייען אַרײַן די נאָוועלן— אויף די פֿעלדער פֿון דזשאָרדזשיאַ, אַשר, רעזערוויִרט, דער ענאָיִסט, איך בין גליקלעך, נאַכט אין דרום-שטאַט, אַ באַגעגעניש, געזאַנג אַרום דער דריטער אַשורה. 2) צום נײַעם האָפֿן, (חלום-דערציילונגען) – צום נײַעם האָפֿן, ווי איך האָב געזען גאָט, דער קרישטאָלער בערג, הענגען פֿליגן, פֿײַער-צער, לאָזט מיך שלאָפֿן, באַגינען און 3) אונטערן צייכן פֿון אונטערגאַנג (ראָמאַן).

○ אויגוסט סטרינדבערג — ווידוי פֿון אַ נאַר — (ראָמאַן) יידיש משה זילבורג. ווילנער פֿאַרלאַג פֿון ב. קלעצקין, 1927 340 ז.

דער ראָמאַן איז פֿריער געדרוקט געוואָרן העפֿטנווײַז אַלס פּרעמיע צו די „ליטעראַרישע בלעטער“. איצט איז דער ראָמאַן אַרויסגעגעבן אין אַ בוך.

○ מ ע נ ט ש - ג ע ז ע ל ש אַ פֿ ט — (אַלגעמיינע ריכטליניען), צונויפֿגעשטעלט פֿון פּראָפֿ. ד"ר פּ. שניאורסאָן. ווילנער פֿאַרלאַג פֿון ב. קלעצקין, 1927, 44 ז.

אין ביכל ווערן אַרומגערעדט די אויפֿגאַבן פֿון דער מענטש-געזעלשאַפֿט, די אויפֿגאַבע פֿון מענטש-קולטור — פֿיזישע און פּסיכישע מענטש-קולטור, פֿאַרמענטשלעכונג פֿון דער קולטור (מאַסן-עלעמענטן און עקסטאַטישע אויר-קוואַלן, וועלטלעכע און מענטשלעכע קולטור, — שפּראַך-קולטור און לעבנס-קולטור). לסוף קומט אַ קאַפּיטל — די תּקופֿה פֿון מענטש-קולטור – מענטש יאָרהונדערט.

○ מ אַ ק ס י ם ג אָ ר ק י — אַ זומער, יידיש ל. דאַסין. קאָאָפּעראַטיווער פֿאַרלאַג „נײַע קולטור“. וואַרשע 1927, 178 ז.

○ א. ז אַ ר ע צ ק י — גרייזן און ספּייקעס. קאַפּיטלען סטיליסטישע גראַמאַטיק. קאָפּפּ. פֿאַרלאַג „קולטור-ליגע“, קיעוו, 1927, 156 ז.

אין בוך „קלײַבט פֿאַנאַנדער דער מחבר אַ רײַ ספֿק-פֿאַלן און גרײַזן אין געדרוקטע, געשריבענע און גערעדטע ריד. דער צוועק איז ווײַזן ווי אַזוי מ'דאַרף רעדן (שרײַבן) און אַזעלכע און אין אַנאַלאָגישע פֿאַלן“.

○ י צ ח ק ב ן - צ ב י — שאר ישוב, מאמרים ופרקים מדברי ימי הישוב העברי. בארץ ישראל ובחקר המולדת. הוצאת „דבר“, תל-אביב, תרפ"ז, 192 ז.

אין בוך גייען אַרײַן אַ רײַ אַרטיקלען צו דער געשיכטע פֿון יידישן ישוב אין ארץ-ישראל.

○ ר ײַ ז י ל מ אַ נ ב ע ר ג — די ליידן פֿון אַ פֿרוי. אַ ווידוי פֿון אַ געפֿאַלענער פֿרוי. פֿאַרלאַג מ. גאָלדפֿאַרב, וואַרשע 1926 (אויף דער הילע 1928. 96 ז.)

○ ע מ י ל ז אָ ל אַ — זשערמינאַל. אַ סאָציאַלער ראָמאַן פֿון דער צײַט פֿון דער צווייטער אימפּעריע. יידיש א. ערליך. פֿאַרלאַג ש. גאָלדפֿאַרב, וואַרשע, 1927, 328 ז.

○ ל אָ ר ד ב י ק אָ נ ס פֿ ע ל ד — ד'איזראַעלי — טאַנקרעד, יידיש. ש. זאַקס. פֿאַרלאַג ש. גאָלדפֿאַרב, וואַרשע 1927 (צווייטער בוך, פֿון ז. 209 — ביז ז. 400).

○ ס. ט ש ע ס ט ע ר — וואַלד-ברוגים און אַנדערע דערציילונגען פֿאַרלאַג „פֿרייהייט“, 1927, 254 ז.

○ א. ב ל נ ק, י. ש ב ר ש, — עפ"י מ. נ. ביצולסקי — החשבון בציורים. א. ספר-לימוד החשבון, ע"י הסתכלות ועבודה עצמית (עפ"י הפרוגרמה האנליטית). — נועד לשנת הלמוד הראשונה בבית הספר העממי. הוצאת „אספולה“, קישינוב. הוצאת ספרים ע"י מרכז „תרבות“. בבסרביה תרפ"ז, 118 ז.

○ ה ח ש ב ו ן — ב. ספירה ומנין. נועד לשנת-הלמוד חשניה בבית-הספר העממי (הפרימרי) העברי, עובד עפ"י הפרוגרמה האנליטית המחודשת בעקבות פ. דולפו, ע"י א. בלוק. הוצאת „אספולה“ (הוצאת ספרים ע"י מרכז „תרבות“ בבסרביה) 144 ז.

דרייען זיך אַרום אזעלכע טאַלאַנטפולע און באַגאַבטע אַר־טיסטן ווי מארק שווייד, יעקב מעסטל, באַראַטאָוו — א האַלבע פון דער ווילנער טרופע, צווישן אַנדערע אויך נאַכבוש, אזרא און שלמות נישט אנגאַזשירטע. אין קיין שונד־טעאַטער וועלן זיי דאָך נישט שפּילן, און קיין קונסט־טעאַטער, חוץ ביי שוואַרצן, איז נישטאָ. איז אָבער דאָרט די טרופּע אַ פאַרפולטע.

יאָ, דאָס יידישע טעאַטער איז אויפגעריכט געוואָרן: בערטאַ קאַליש, די באַרימטע שוישפּילערין, וואָס האָט גאַנצע צוואַנציק יאָר געשפּילט אויף דער ענגלישער בינע, איז „צוריקגעקומען" צום יידישן טעאַטער. אָבער וואַס פאַר אַ געווינס האָט דאָס בעסערע יידישע פובליקום פון איר? ביי זיי האָט זי טאַקע געשפּילט איבסען, זודערמאַן, בערנאַרד שאָו, אָבער ביי יידן? נישט בערנאַרד שאָו, נאָר משה שאָר יאָ. און זי וועט נאָך שפּילן זלאָטאָרעווסקי, און די איבעריקע „פּיעסן־מאַכערס" ווערק.

האָט זי טאַקע איר טעאַטער געעפנט מיט אַ פּיעסע פון משה שאָר „אין מיטנוועג", אַ מעלאָדראַמע מיט אַלע פּיטשעווקעס.

די אויסזיכטן און די מאַטעריעלע זייט פון יידישן טעאַטער איז ווייט נישט קיין גלענצנדיקע. די פּראָווינץ לעבט דורך אַ קריזיס. אויך אין איינציקע לאָקאַלע טעאַטערן זענען די געשעפטן גאַנץ שוואַך. בלויז גוט איז נאָר די אָפּערעטקע. גוט, נישט בלויז אין מאַטעריעלן זין, נאָר אויך אין קינסטלערישן. אויב די מעלאָדראַ־מאַטישע טעאַטערן זענען אין זייער פאַרגליווערטן צושטאַנד, זענען די אָפּערעטקעס ניי אין פּריש. און מאַלי פּיקאָן — האָט אַפילו אַן אָפּערעטקע, וואָס איז געשריבן געוואָרן פונם דראַמאַטורג ח. גאָ־טעספעלד, דער מחבר פון דער קאָמעדיע „געוואַלט, ווען שטאַרבט ערז". דאָס, וואָס די אָפּערעטקע האָט אָנגעהויבן צו זוכן ליברעטאָס ביי בעסערע שרייבער, איז אַ גוטער סימן. וואָלטן די אַנדערע טעאַטערן געשטעלט פּיעסן פון בעסערן רעפּערטואַר, וואָלט בכלל געווען דאָס יידישע טעאַטער אויפגעלעבט.

דאָס יידישע טעאַטער האָט גוטע און פעיקע שוישפּילער. ס'איז אַ שאָד, ווען מען זעט, ווי טאַלאַנטפולע קינסטלער גלאַנצן אַרויס פון דעם זומפּ.

דער קריזיס אָבער אין יידישן טעאַטער וועט געוויס צווינ־גען די אונטערנעמער צו זוכן נייערע וועגן.

פ. מלאך.


## פאַרלאַג ש. גאַלדפאַרב, וואַרשע

נייע ביכער:

| | |
|---|---|
| אַנ פ־אַנס — דער פּינגווינען אינזל (ראָמאַן) | 8,70 |
| „ „ דאָס פאַרברעכן פון סילוועסטער באָנאַר | 6.– |
| אייפּטאָן סינקלער די זוכער פון אמת (ראָמאַן) | 5,30 |
| „ „ רזשימי היגענס „ | 9,50 |
| וו. מאַרגעריט דער חבר „ | 7,50 |
| „ „ די בחורטע 1—3 „ | 7.50 |
| לאָרד ביקאָנספילד־טאַנקרעד | 4,50 |

בוכהענדלער, געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס — ראַבאַט.

הויפּט־פאַרקויף:

„Bycher", Warszawa, Nalewki 2a.


## „געוואַלד, דירה־געלט"!

אין וואַרשעווער „סקאַלאַ"־טעאַטער







פון רעכטס אויף לינקס: מאַריק קנאַפּ (י. פעלד), שיינדעלע (גיזי היידען) און די פעדער־פליקערין (פּריזאַמענט)


## פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשע

דאָס באַרימטע ווערק פונם פראַנצויזישן מחבר

בערנאַרד לעקאַש

# ווען פאָלק ישראל שטאַרבט

אילוסטרירט מיט פאָגראָם־בילדער

געטרייע באַשרייבונג פון די שוידערלעכסטע פאָגראָמען אין אוקראַינע.

שוין צו באַקומען פאַר 7.20 גילדן.

אַדרעס: „Bicher" Warszawa Nalewki 2a

## פאַרלאַג „אָריענט", (ש. גאָלדפאַרב) וואַרשע

| | |
|---|---|
| ח. ריטמאַנט — פּויערן 1 | 9.— |
| „ „ 2 | 9.— |
| „ „ 3 | 10.— |
| „ „ 4 | 10.— |
| ק. מעטמיער — אָפּגרונט | 3.70 |
| **ביאָגראַפישע ביבליאָטעק** | |
| לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי | 2.— |
| קאָנפוציוס | 1.60 |
| שאָפּענהויער | 1.60 |
| לאָרד בייראָן | 3.00 |

הויפּט־פאַרקויף: „BICHER" Warszawa, Nalewki 2a

# די שול־אַקציע אין פּוילן

די יידישע שול־אָרגאַניזאַציע איז צוגעטראָטן צו אַ גרויסער שול־אַקציע איבערן גאַנצן לאַנד. די אַקציע ווערט געמאַכט אין נאָמען פון אַלע 208 שול־אַנשטאַלטן, וועלכע געפינען זיך אין רשות פון דער י. ש. אָ. אין די דאָזיקע אַלע שולן, אַנשטאַלטן, גימנאַזיעס, קינדערהיימען און סעמינאַר געפינען זיך הייַנט צו טאָג ביז 25 טויזנט תלמידים.

דער ציל פון דער אַקציע איז צו שאַפן 100.000 שטייער־צאָלער פאַר דער יידישער שול, וועלכע זאָלן אַרייַנברענגען איינמאָליק 500.000 גילדן. ווען דער דאָזיקער ציל זאָל דערגרייכט ווערן, איז דער בודזשעט פון אַלע שולן געזיכערט אויף אַ קיילעכדיק יאָר.

דאָס איז אַ קאָלאָסאַלע אונטערנעמונג. דאָס הייסט, אַז יעדער דרייסיקסטער ייד זאָל צאָלן פרייוויליק שטייער פאַר דער יידישער שול.

## דאָס אייזערנע בוך

די י. ש. אָ. וויל צונויפשטעלן אַן אייזערן בוך פון דער יידישער שול. דאָס הייסט: אין סוף פון דער אַקציע זאָל אָפּגעדרוקט ווערן אַ באַריכט־בוך, אין וועלכן עס זאָל אַרייַנקומען די רשימה פון אַלע שטייער־צאָלער פון דער יידישער שול.

דאָס וואָלט מעגלעך געמאַכט, ווען עס וואָלט נויטיק געווען, אויך אין אַ יאָר אַרום איבערצוחזרן דעם איינמאָליקן שטייער. עס וואָלט זיך אַזוי אַרום געקענט שאַפן די זיכערע פרייוויליקע אַרמיי פאַר דער יידישער שול, ביז די רעגירונג וועט נישט אויסהאַלטן די יידישע שול פאַר די יידישע קינדער, ביז די מלוכה וועט נישט דערפילן איר חוב לגבי דעם יידישן קינד.

די י. ש. אָ. זעט אַ גרויסע באַדייטונג אין דער דאָזיקער אַקציע פאַרן קאַמף פון אָנערקענונג פאַר דער יידישער שול. וואָס גרעסער עס וועט זיין די צאָל פון די פרייוויליקע שטייער־צאָלער, וועט עס האָבן כלפּי־חוץ אַן אַלץ גרעסערע און וויכטיקערע באַדייטונג.

## די צוגרייטונג צו דער אַקציע

עס ווערן אָרגאַניזירט אַ ריי ראַיאָן־קאָנפערענצן געווידמעט דער אַקציע. אין איצטיקן מאָמענט ווערן צוגעגרייט פיר קאָנפערענצן: איינע אין ביאַליסטאָק, די צווייטע—אין באַראַנאָוויטש, די דריטע אין פּיעטריקאָוו, די פערטע אין לוצק. אין די דאָזיקע אַלע קאָנפערענצן וועלן זיך באַטייליקן פאָרשטייער פון אַ 80 שטעט. די ערשטע דריי קאָנפערענצן קומען פאָר שבת, דעם 19 ה. ח. אין לוצק, פּיעטריקאָוו און באַראַנאָוויטש.

אין אַ ריי שטעט ווערן צוגעגרייט פאָלקס־פאַרזאַמלונגען און מאַסן־מיטינגען, עס ווערן צוגעגרייט קינדער־צוגן אין די גאַסן, באַגלייט פון די פריינט פון דער שול. אין איין באַשטימטן טאָג וועט די אַקציע קאָנצענטרירט ווערן צום מערסטן און צום שטאַרקסטן. עס וועט זיין אַ „טאָג פאַר דער שול״. עס ווערן איצט געפירט אונטערהאַנדלונגען. אַז אין דעם טאָג זאָלן די יידישע אַרבעטער איבעררייסן אויף אַ געוויסער צייט די אַרבעט, מאַניפעסטירנדיק פאַר דער שול. אַרויסשטעלנדיק די פאָדערונגען צו דער רעגירונג און געזעלשאַפט, צו די שטאָט־ראַטן און קהלות, און זאַמלען דעם שול־שטייער.

דער מאָלער מ. וויינטרויב האָט צוגעגרייט אַ מאָלערישן פּלאַקאַט, דורך וועלכן די אַקציע ווערט פּראָקלאַמירט.

אין אַלע שטעט פון לאַנד, ווו עס געפינען זיך אָפּטיילונגען פון י. ש. א. אָדער גרופּעס שול־פריינט, ווערן צונויפגעשטעלט פּראָיעקט־רשימות פון שטייער־צאָלער. די פּראָיעקט־רשימות וועלן נאָכדעם באַאַרבעט ווערן פון דער י. ש. אָ. און עס וועלן אַרויסגעשיקט ווערן שטייער־צעטלעך צו אַלע באַשטייערטע.

די י. ש. אָ. האָט באַקומען אַן ערלויבעניש פון פינאַנס־מיניסטעריום אויף אַ שול־לאָטעריע, אויף אַ סכום פון 100.000 גילדן. דער אַלגעמיינער סכום פון די געווינסן איז 20.000. די לאָטעריע ווערט שוין פאַרשפּרייט איבערן לאַנד. זי ווערט אויך אין אַלע שטעט באַזונדער פּלאַקאַטירט.

עס ווערן צוגעגרייט אַ ריי קינדער־אָוונטן און קינדער־פרימאָרגנס, אויף וועלכע עס זאָלן דעמאָנסטרירט ווערן די דערגרייכונגען פון דער יידיש־וועלטלעכער שול.

## אַ ספּעציעלע ליטעראַרישע אויסגאַבע

די טעג ווערט פאַרטיק פון דרוק אַ ספּעציעלע ליטעראַרישע אויסגאַבע, אין וועלכער עס ווערט פּראָקלאַמירט די אַקציע. די דאָזיקע אויסגאַבע ווערט געדרוקט אין צוויי הונדערט טויזנט עקזעמפּלאַרן. אויסער אַ ריי מיטגלידער פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון דער י. ש. אָ., באַטייליקן זיך אין דער דאָזיקער אויסגאַבע מיט ספּעציעלע אַרבעטן פאָלגנדיקע יידישע שריפטשטעלער און קינסטלער: ש. דובנאָוו, ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, י. י. זינגער. ר. אבראַמאָוויטש, ז. סעגאַלאָוויטש, י. מאַסטבוים, ז. רייזען, מאַנע קאַץ, וו. וויינטרויב, דעפּוטאַט נח מייזעל (לעטלאַנד), פּראָפעסאָר ל. הערש, י.י. טרונק, יעקב לעשטשינסקי, ב. קאַרלינוס, לעאָ קעניג, ל. בלומענפעלד, א. קאַציזנע, מ. ווייכערט, א. מאָרעווסקי, י. פּערלע, מ. קריינין, מ. בראָדערזאָן, וו. לאַצקי־בערטאָלדי, וול. קאָסאָווסקי, מ. ראַוויטש, י. שטערן.

## דער „מאָמענט״ באָיקאָטירט די אַקציע

די י. ש. אָ. האָט זיך געווענדעט צו דעם רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון „מאָמענט״, זיי זאָלן פאַר באַצאָלט בייַלייגן די ספּעציעלע שול־אויסגאַבע, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך די דערמאָנטע שריפטשטעלער. די י. ש. אָ. האָט זיך פאַררופן אויף דער פּראַקטיק פון די צייטונגען, וועלכע האָבן לעצטנס אויף אַזעלכע באַדינגונגען בייגעלייגט ספּעציעלע אויסגאַבן פון „קרן־היסוד״, „טאָז״ און „אָרט״. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען און אָפּשלעפּעניש האָט די רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון „מאָמענט״ אָפיציעל געמאָלדן דער י. ש. אָ., אַז זיי זאָגן זיך אָפּ דאָס צו טון און ווילן נישט שטיצן די אַקציע פון דער י. ש. אָ. פאַר די שולן.

———————

# וועלט־כראָניק

○ דעם נאָבעל־פּריז פאַר ליטעראַטור פאַרן יאָר 1926 האָט באַקומען די איטאַליענישע שרייבערין, גראַציאַ דעלעדדאַ. דעלעדדאַ איז געבוירן אין יאָר 1872 אין סאַרדיניען. זי האָט אָנגעשריבן אַ ריי ראָמאַנען, דער עיקר וועגן פּויערים־לעבן. באַקאַנט זענען אירע ראָמאַנען „אַש" און „נאָכן גט". — דעלעדדאַ איז די צווייטע פרוי, וואָס האָט באַקומען דעם נאָבעל־פּריז. לגבי די גרויסע שרייבער, טאָמאַס מאַן, גאָרקי א. א., וואָס האָבן קאַנדידירט צום נאָבעל־פּרייז, איז דאָס אַוועקגעבן דעם פּריז דער קמעט־אומבאַקאַנטער, איטאַליענישער שרייבערין מסתמא מער פּאָליטיק, ווי אמת־קינסטלערישע אָנערקענונג.

○ קיין פּוילן האָט מען איצט געבראַכט די רייכע קאָלעקציע פון ראַפּערסווילער מוזיי. דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט די תקופה פון דעם אַזוי־גערופענעם „פּוילן אויף דער עמיגראַציע". — ראַפּערסווילער מוזיי איז געגרינדעט אין 1870. זיין אויפגאַבע איז געווען אויפצוקלייבן דאָקומענטן, ביכער, זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות צו פּוילענס נייעסטער געשיכטע. דאָס מוזיי איז געגרינדעט דורכן גראַף וולאַדיסלאַוו פּלאַטער, וועלכער האָט צוליב דעם אָפּגעדינגען אויף 99 יאָר (קויפן האָט ער אַלס אויסלענדער נישט געהאַט קיין רעכט) אַ שלאָס אין ראַפּערסוויל (שווייץ), ווו זיין רייכע קאָלעקציע האָט זיך געפונען. דאָס מוזיי איז געגרינדעט מיטן תנאי, אַז וויבאַלד פּוילן וועט אויפשטיין תחית־המתים זאָל עס איבערגעטראָגן ווערן קיין פּוילן. דער גרינדער פון דעם מוזיי איז שוין לאַנג טויט, און זיין חלום איז ערשט מקוים געוואָרן. — מיטן אָנקומען פונם מוזיי איז אַנטשטאַנען אין דער פּוילישער פּרעסע אַ דיסקוסיע, וואָס זאָל מען טון מיט דער זאַמלונג. מען האָט אַרויסגערוקט פאַרשיידענע פּראָיעקטן, צווישן אַנדערע אויך מ'זאָל גרינדן אַ ספּעציעל מאַרטיראָלאָגיש־מוזיי, ווו עס זאָלן זיך געפינען אַלע דאָקומענטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער מאַרטירערשאַפט פון פּוילישן פאָלק בשעת זיין פאַרשקלאַפונג.

○ צום יאָרצייט פון זאָלאַן האָט מען געמאַכט אַ חשבון פון דער צאָל עקזעמפּלאַרן, וואָס זענען ערשינען פון זיינע ווערק אין פראַנקרייך. ווי ס'ווייזט זיך אַרויס, האָבן קיין שום אַנדערע ווערק אין לעצטן האַלבן יאָרהונדערט נישט דערגרייכט אַזאַ הויכע צאָל. איינציקע פון זאָלאַס ווערק זענען דערשינען זינט זאָלאַס טויט אין 2,000,000 עקזעמפּלאַרן אויף פראַנצויזיש. היינט וויפל עקזעמפּלאַרן זענען ערשינען אין איבערזעצונגען!

○ די ענגלישע שרייבערין פלאָרענס דע פּ׳ק האָט ברעה אָנצוקלאָגן דעם גרויסן ענגלישן שרייבער וועלסן פאַר פּלאַגיאַט. זי באַשולדיקט וועלסן אין דעם, אַז ער זאָל האָבן ווערטלעך איבערגעשריבן גאַנצע שטיקער פון אירס אַ נאָך־נישט געדרוקט ווערק. זי פאַרלאַנגט פון אים נישט ווייניקער, ווי הונדערט טויזנט פונט.

○ אין פראַנקרייך איז געשטאָרבן דער אַקאַדעמיקער יאָנאַרט. ער איז געווען אַ באַקאַנטער פּאָליטיקער, אָבער נישט קיין שרייבער. ווען ער איז צוריק מיט דריי יאָר אויסגעוויילט געוואָרן אין דער אַקאַדעמיע, האָט ער נאָך נישט געהאַט אָנגעשריבן אפילו קיין איין אַרטיקל נישט. — אָט פון אַזעלכע לייט באַשטייט די פראַנצויזישע אַקאַדעמיע! — די מיטגלידער פון דער אַקאַדעמיע באַקומען 100 פראַנק אַ חודש און אַ חוץ דעם 25 פראַנק פאַר אַ זיצונג.

○ אין דער „ליטעראַרישער וועלט" האָט ווילי האַס אָפּגעדרוקט אינטערעסאַנטע פּרטים פון דעם ערשט־פאַרשטאָרבענעם מאַקסימיליאַן האַרדען. „פאַר מאַקסימיליאַן האַרדען — שרייבט האַס — האָט מען זיך בסדר געמוזט פאַרענטפערן, ווייל ער האָט זיך תמיד געפילט געטראָפן. מען האָט אים דעריבער געהאַלטן פאַר א׳מדערטרעגלעך. ער האָט אָבער געהאַט רעכט זיך צו פילן געקרענקט: דאָס לעבן, די צייט, די רעפּובליק האָבן אים געקרענקט. חניפהניקעס, פּאָליטישע עמי־הארצים האָבן באַקומען די העכסטע שטעלעס. וועגן אים. דעם געבוירענעם רעפּובליקאַנישן קאָפּ — כאָטש ער האָט געשריבן דייטש־נאַציאָנאַל און ראָיאַליסטיש, איז ער דאָך געווען אַ רעפּובליקאַנער — וועגן אים האָט קיינער נישט געטראַכט. ער האָט נישט געהערט צו דער קליקע. „ליבער הער האַס, האָט ער געזאָגט, איך בין צופרידן, ווען בכלל עמעץ דערמאָנט זיך אין מיין עקזיסטענץ. איך בין באַגראָבן לעבעדיקערהייט. קיינער וויל מיך נישט קענען"... ער האָט זיך פאַרטראַכט. פּלוצים האָט ער זיך צעשמייכלט און געזאָגט: „ווייסט איר ווער ס'איז געווען דער לעצטער, וואָס האָט זיך אין מיר דערמאָנט? דער מאַן, וועלכן איך האָב אַמייסטן באַקעמפט, ווילהעלם דער צווייטער. אין טאָג פון זיין אַריבערגיין די גרענעץ, האָט ער געזאָגט צו זיין חברה: „איצט מוזט איר שיקן האַרדענען קיין ווערסאַל, ער וועט אייך ברענגען פאַרהעלטנישמעסיק גוטע באַדינגונגען". פון דעמאָלט אָן איז מיין נאָמען אויסגעמעקט געוואָרן"... האַרדען איז געווען אין דייטשלאַנד, און נישט נאָר אין דייטשלאַנד, פון די גרעסטע קלאַסישע פּאַמפלעטיסטן.

○ אַלאַן דאָוולינג דרוקט אין דער „נייע פרייע פרעסע" געשפּרעכן מיט בערנאַרד שאָו. ער שרייבט וועגן שאָוען: שאָו איז אַממערסטן אינטערעסאַנט, ווען ער רעדט וועגן דער געגנוואַרט, ווייל עס ציט אים צו דער אַקטואַליטעט. די גרויסע פון היינט זענען אים נעענטער, ווי די געשטאַלטן פון דער פאַרגאַנגענהייט. שאָו האָט ליב צו נעמען די גרויסע מענער פון דער געשיכטע און רעדט וועגן זיי, ווי זיי וואָלטן גאַר קיין באַדייטונג נישט געהאַט. ער דערווייזט, אַז קיינער פון זיי האָט נישט געהאַט אַזוי פיל שכל, ווי ער. — אָבער דאָך איז ער גענוג קאָנווענציאָנעל. ער האָט חתונה געהאַט, ווי ס'באַדאַרף צו זיין, לעבט זייער קאָרעקט מיט זיין ווייב. ער גיט רעגלמעסיק זיינע פאָר גראָשן אויף אויפצוהאַלטען דעם קלויסטער. און ווען ער זאָגט אַרויס אַזעלכע מאָדנע אָנשויונגען, ווייסן שוין די מענטשן, אַז ער מיינט עס נישט ערנסט און מען איז עס אים מוחל.

○ טשאַרל טשאַפּלין האָט פאַ־ענדיקט זיין פילם „דער צירק". אין דעצעמבער וועט שוין זיין פילם באַווייזן ווערן אין אייראָפּע.

○ דער צענטראַלער נאַציאָנאַליטעטן־פאַרלאַג אין מאָסקווע האָט אַרויסגעלאָזן אַ צייטונג אין 54 שפּראַכן, דערונטער אויך אין יידיש, געווידמעט דעם 10־יאָריקן יובילײ פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

○ אין ברעמען איז צום ערשטן מאָל אויסגעפירט געוואָרן אויף דער סצענע די דראַמע פון מ. לעוואַדין (פּסעוודאָנים פון באַקאַנטן יידישן פּובליציסט און אַרבעטער־טוער ד"ר י. מ. שטיינבערג) „דער וועג פון פיין", — סצענעס פון דער רוסישער רעוואָלוציע. דאָס טעאַטער־שטיק האָט געהאַט גרויס ערפאָלג און אין קירצן וועט די פּיעסע געשפּילט ווערן אין אַ ריי אַנדערע טעאַטערן אין דייטשלאַנד. אין דער דייטשער פּרעסע האָבן זיך באַוויזן אַ ריי באַגייסטערטע אָפּרופן וועגן דער דראַמע. די דראַמע איז ערשינען אין יידיש אין פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ.

ד"ר שטיינבערג, אַ פּלימעניק פון בעל־מחשבות (ד"ר עליאשעוו), שטאַמט פון קאָוונע און האָט פאַר דער מלחמה געהערט צום צענטראַל־קאָמיטעט פון די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד. נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָט ער אַ לענגערע צייט פאַרנומען דעם פּאָסטן פון יוסטיץ־מיניסטער.

○ אין דעם פּוילישן פילם: „דער גורל", וואָס ווערט איצט אויסגעאַרבעט, טרעטן אַרויס צוויי ווונדער־קינדער פּיאַנקאַ דאָדאַ און מוסיאַ דייכעס (יידיש־קינד). די לעצטע איז אויפגעטרעטן אין פילהאַרמאָניע אַלס טענצערין.

○ וועגן דעם באַוווסטן פילם־אַרטיסט ראַמאָן נאָוואַראַ גיט מען איבער, אַז ער האָט ברעה אַריינצוטרעטן אין אַ קלויסטער. מען ווייסט נישט, צי עס איז אמת, אַדער נור אַ רעקלאַמע פאַר זיינס אַ פילם. זיינע דריי שוועסטער זענען שוין פון לאַנג געוואָרן מאָנאַשקעס.

○ לויט סעסיל ב. דע מילס מיינונג, האָט אַ פילם אַ גרויסן ערפאָלג, אויב דער סצענאַר איז וואָס אַ פּשוטער. אַזוי איז געווען מיטן „בורלאַק פון דער וואָלגע" א. א. דער פּשוטסטן סצענאַר וועט זיין דער פילם פון סעסיל דע מילס „דער קעניג פון די קעניגן", וואָס וועט האַנדלען וועגן „פּשוטסטן און גרעסטן מענטשן". דעריבער וועט לויט זיין מיינונג דער פילם זיין דער אינטערעסאַנטסטער.

---

W MIEJSCU, Grzybowska 26
Mag. Bibl. Uniwer. /28

Cena 50 gr. **Literarisze Bleter Nr. 46 (185)** Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
Adres redakcji i administracji: „Literarisze Bleter", Warszawa, Nalewki 2a, p. 67.

אינהאַלט:
דאָס ידישע קולטור-שאַ | אין ראַטנרוסלאַנד—נ. מייזיל | .אַרום בליענדיקן בוים"— א. מ. פוקס | מענדעלע אַבראַמאָוויטש — פּראָפ. ש. דובנאָוו | 90-יאָריקער יובילײ פון אַ תלמיד-חכם — ז. רייזען | פון ראָמאַן „דאָס לעצטע קאַפּיטל"—קנוט האַמסון | א. לוצקים קאַפּעליע—א. אַלמי | נײַע ביכער | דער אנהייב פון הײַ-יאָריקן טעאַטער-סעזאָן אין אַמעריקע — ל. מלאַך | די ייִדישע שול-אַקציע אין פּוילן | קינדער פון מאָרגן זעגען מיר—א. ד. | העלם-כראָניק | כראָניק | בילדער | נאָטיצן | אַנאָנסן |

ערשטער יאַרגאַנג אַבאָנאַמענט-פּרײַז אויף יאָר 1927 מיט „זשאַן קריסטאָף" (יעדע וואָך אַ בוך): אין פּוילן: $^{1}/_{2}$ יאָר — 20 גילדן, $^{1}/_{4}$ יאָר — 10 גילדן. אין אויסל. $^{1}/_{2}$ יאָר— 5 דאָלאַר, $^{1}/_{4}$ יאָר—2,50 דאָלאַר.
אײַן נומער—50 גראָשן. אין אויסלאַנד—10 סענט.
אַנאָנסן-פּרײַז: פאַר 1 מילימעטער-שורה 20 גראָשן.
אַנאָנסן-זײַטן — האַלטן 6 שפּאַלטן.
אַדרעס: „Liter. Bleter", Warszawa, Nalewki 2a p. 67
פאַר געלט: P.K.O. 98-58. טעלעפ. 210-71
ניט אָנגענומענע מאַנוסקריפּטן ווערן ניט צוריקגעשיקט און עס ווערט ניט געגעבן קיין קאָרעספּאָנדענץ.

# צו די לעזער!

מיטן הײַנטיקן נומער „ליט. בלעטער" ווערט כּאָנאָנ-דערגעשיקט אַלע אַבאָנענטן פון די „ליט. בלעטער"
ראָמען ראָלאַנס — זשאַן קריסטאָף בוך XXV
אכטער באַנד, פון ז. 141 ביז ז. 204.

# צו די פרײַנט פון ייִדישן בוך אין לאָדז

באַרלירט נישט קײַן צײַט און הוצאות אויף צו שיקן אײַערע באַשטעלונגען קײַן וואַרשע. איר קענט באַקומען די ביכער גלײַך אויפן אָרט. אין מײַן בוכהאַנדלונג

## „קולטור"

פּיאָטרקאָווער 50

געפינען זיך אַלע אויסגאַבן פונעם גרעסטן ביכער-לאַגער

פון קאָאָפּעראַטיוו „ביכער" פאַרלאַג ב. קלעצקין „צענטראַל" א. א.
מיט דרך-ארץ מ. טענענבלום, לאָדז

פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע

ערשט דערשינען
דניאל טשאַרני

## משפּחה-כראַניק

ערשטער טײל — קינדער-יאָרן 1888-1901
(מיט בילדער) פּרײַז 2 גילדן
אַדרעס: „Bycher", Warszawa, Nalewki 2a

# ביבליאָטעק מארק ראַקאָווסקי

ס'איז דערשינען:
גוסטאַוו פלאָבער—סאַלאַמבאָ (היסטאָרישער ראָמאַן)
456 זײַטן פּרײַז 9.50
פּאַנאַיט איסטראַטי — קירא קיראַלינאַ פּרײַז 3.60
מאַרסעל פּרעוואָ— מאַדמאַזעל זשאָפר (ראָמאַן) פּרײַז 6.50
אַלפאָנס דאָדע - טאַרטאַרען פון טאַראַסקאָן
(דאָן קישאָט אין מיניאַטור) פּרײַז — .3
אַדרעס: „Bicher" Warszawa, Nalewki 2k

פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע

זלמן רייזען

# לעקסיקאָן

פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע

ערשטער באַנד (א—י)
פּרייז 21 גילדן
צווייטער באַנד (כ—פ)
פּרייז 21 גילדן
אַדרעס: „Bicher", Warszawa Nalewki 2a

פאַרלאַג ש. א. צוקער, וואַרשע

אויסשליסלעכער פאַרקויף קאָאָפּעראַטיוו „ביכער" נאַלעווקי 2
ח. מ. פליגעלמאַן – העלדן פּרייז 5 זל.
פּאָליאַקאָוו - שבתאי צבי " 6 50 "
Spółdz. „Bycher", Warszawa Nalewki 2a.
פאַר געלט: P. K. O. 13.196

# פאַרלאַג יעַרוכאַמזאָן, וואַרשע

נאָר וואָס דערשינען:
נ. בוכאַרין: טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם III—IV
V—VI (דערשיינט די טעג)
פּרײַז פון יעדן טײל צו 1.50 גילדן.
זיך ווענדן: מ. יערוכאַמזאָן, מיאָדאָוואַ 20 וו. 37.

פאַרלאַג ב. קלעצקין

ערשט ערשינען קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

## חשוונדיקע נעכט

פּאָעמען און לידער פּרײַז 2 גילדן.
אַדרעס: „Bicher" Warszawa. Nalewki 2a

Redaktor J. Mejsels. Wydawca—Wyd. B. Kleckine. Druk. B-ci Wójcikiewicz. Warszawa Pawia 10

## קופּאָן נומ. 6

אויף דער פּרעמיע „זשאַן קריסטאָף" פאַר די לעזער פון די „ליט. בלעטער"